STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04064

IN KLEM

Abraham Lev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם לעוו / אין קלעם

אברהם לעוו

אין קלעם

פאַרלאַג „ה מ נ ו ר ה" תל־אביב
תשכ"ז—1967

ABRAHAM LEW / IN KLEM

אברהם לעוו / אין קלעם

הוצאת „המנורה" רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"HAMENORA" Publishing House
24, Zangwill Street, Tel-Aviv, Israel

©
כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל תשכ"ז
Printed in Israel 1967

לינו־טור, רח' יסוד־המעלה 39, תל־אביב

ל ז כ ר ך — משהלע,
זון מיינער אַכצן־יאָריקער —
דיין קבר אין שקיעה,
ער ברענט נאָך.

קיבוצישע פּײזאַזשן

באַגינען

פאַר טאָג. די ערשטע שטראַלן —
גאָלד־ און זילבער־פּלעקן.
מײַן האַנט —
אין חלום האַלט אַ וואַנט,
זי זאָל אויף מיר ניט פאַלן
און מײַן גוף פאַרדעקן.

עס שטראָמט אין שטאַל די מילך אין עמער,
מען שיט פאַר עופות שוין אין לול די קאַשע;
עס קלינגען גלעקעלעך, דאָס גייען לעמער
צו דער פּאַשע.

מײַן דאָרף איז וואָך פון לאַנג,
נאָר אין מיר ציטערט נאָך אַ ווײַטער קלאַנג
פון עפּעס אַזאַ פרעמדן, מאָדנעם חלום,
וואָס וואָר איז ניט ביכולת צו פאַרמעקן.

פאַר טאָג. די ערשטע שטראַלן —
גאָלד־ און זילבער־פּלעקן.

אַ דאַנק

פרימאָרגנדיקן טאָג, וואָס גייט איצט אויף,
האָב איך אַ פריידיקער באַגעגנט.
אַ פויגל דרייט אַרום זיך ווי אַ שרויף
אין אָט דער ברייטער פליִענדיקער געגנט.

אַ שוואַרצע פעטע קראָ אויף בוימערישער קרוין,
זי וויגט זיך, וויגט זיך אויפן דינעם ריטל.
עס ליגט די ערד, די ייִדישע, צעאַקערט, ברוין
און צוגעדעקט מיט ווײַסן טוי, ווי מיט אַ קיטל.

אַ פּאָל טאָן וועל איך צו איר מאַמעדיקן שוים
און אָפּשטעמפּלען אַ קוש אויף אירע בייטן.
אַ דאַנק איר פאַרן ווייץ, וואָס זי טראָגט אויס
און פאַר די קווייטן.

די זון פאַלט העל

די זון פאַלט העל
און גאָלדיק אין מײַן שויב.
דער טראַקטאָר רוישט אין נאָענטן פעלד,
הויבט אויף אַ שטויב.
די פייגל פליִען
און פּיקן פון דעם בייט אַרוים די זריעה.
אַ, שוועלבעלעך,
ס׳וועט קלעקן סיי פאַר אונדז, און אויך פאַר אײַך.

די ערד ליגט ברוין צעאַקערט — ווי אַ טײַך,
וואָס שפּאַרט צום ברעג און איז צוריק געפאַלן,
קען ניט רויִק ליגן:
די קליינע גרודעס ערד, ווי כוואַליעס,
האַלטן זיך אין וויגן.

און איך, דער מאַן בײַם שויב,
זע דאָס פעלד ווי דורך אַ נעפּל.
די לופט שנײַדט דורך אַ טערקלטויב
און האַלט אַ שטרויעלע אין שנעבל,
איר נעסטעלע צו בויען,
און איך — אין שפּיגל זע,
ווי מײַנע שלייפן גרויען.

מײַן בוים

דער בוים, וואָס איך האָב אים פֿאַרפֿלאַנצט —
ער גיט מיר שאָטן.
אין זײַן געצווײַג מײַן חלום איז פֿאַרקנאָטן.

עס וואַרט מײַן בוים פֿון יאָר צו יאָר
אַלץ פֿעסטער.
איך צי אַרויס מײַן ליד פֿון זײַנע נעסטער.

און ווייסן ווייס איך: ווען איך וועל
שוין מער ניט לעבן —
וועל איך אַרײַן אין בוים, אין זײַנע
זאַפֿטיקע געוועבן.

דערנאָך אַרויסשפּראָצן צוריק
אַ גרינער שטערן —
אַ בלעטל אויפֿן בוימס צמרת.

קינדערע

עס טרעפט: אַרום דיר יאָגן קינדער זיך מיט פרייד,
און זייער לאַכן הילכט איבערן פליין.
דאָס פעלד איז ברייט,
דאָס גרין איז שיין;
נאָר דו אַליין
דערפילסט זיך אַזוי קליין —
אַ פינטעלע, אַ מאָן,
אַז קענסט אַרייַנקריכן אין שאָלעכץ פון אַ נוס;
עס קען צעטרעטן דיך אַ קינדערישער פוס,
וואָס איז אין שפּיל פאַרטאָן.

בלייַבסט שטיין פאַרגאַפט —
אַ זעמדעלע, אַ מיק.
נאָר לאָמיר שמועסן צוריק:
דער צער האָט דייַנע אַקסלען אויסגעבויגן, —
דערזעסטו ניט דאָס גרויסע גליק
פון אָט דעם יונגן דור
מיט פרילינגדיקע אויגן.

דאָס פּאַרל

אַ לויף געטאָן אין יונגן־קאָרן,
אַ לויף געטאָן און ניט געוואָרן.
עס האָט דאָס פעלד געטאָן אַ רויש,
אַ פּלויש
די יונגע זאַנגען
און אַנגעוויזן ווו דאָס פּאַרל איז פאַרגאַנגען.

דער האָריזאָנט
איז האַרבסטיק נאָנט
און קיל.
דער אָוונט לאָזט אַראָפּ זיך שטיל —
אַ בלויער טעפּעך.
עס זינקט די זון
אין ים פון גראָז אַלץ טיפער.

דעם פּאַרל זוכט מײַן בליק,
און ביידע לויפן זיי צוריק —
אַ הינטל און
אַ יִינגעלע, אַ שטיפער.

פון פאַשע

דער דרויסן דורך מײַן פענצטער גרינט,
די גרעזלעך פאַרשטויבטע, שטוינען.
עס גלעט דער צאַרטער ווינט
די דין־פאַרשניצטע ביימערקרוינען.

דאָס שקיעה־גאָלד — צעשאָטן און צעשפּרייט
אויף אויפגעאַקערט ערד און בייט.
אַ דורכזיכטיקער, הימלדיקער שטאָף.
פון פאַשע קערן זיך אַהיים די שאָף,
די גלעקעלעך פאַרוויגן;
עס שפּילט זיי צו דער פאַסטעך אויף זײַן פלייט
אַ טרויעריקן ניגון.

עס ווייס גאָרניט אוודאי
אין זײַלן שטויב די לאַס,
וואָס אָפּגעשטאַנען איז פון סטאַדע, —
ווי וווּנדערלעך זי פאַסט זיך דאָ אַרײַן אין ראַס.

טײַערע זײער

אַ פּשוטער ייִד כ׳בין,
וואָס גייט נאָכן אַקער
שוין דרײַ צענדליק יאָר.
דאָך טרעפט אַז עס גיט זיך
אין מיר אַ צעפלאַקער —
צווישן חלום און וואָר —
אַ יום־טובדיק ליכט.
דער טוי פאַלט געדיכט.

דערזע איך דורך טויען:
מיליאָנען, מיליאָנען
שפּאַנען און שפּרייטן דעם זאָמען
ווי איך.
שטילע דערפרייער,
טײַערע זײער —
געבענטשט אײַער נאָמען.

איז גוט מיר צו וויסן,
כ׳בין איינער פון זיי:
דער מאַן פונעם ליד
און דער מאַן פון פּאַרזיי.

מיר אַקערן בײַ נאַכט

מיר האָבן זיך אַ נעם געטאָן צוזאַמען
און דורכגעבראָכן.
עס האָבן זיך געבויגן אַלטע שטאַמען,
מיט טויזנט וואָרצלען אין דער ערד
פאַרשטאָכן.

עס האָבן סאָסנעס
נאָדלדיק געשמייכלט
ווען איבער זיי אַ וואָלקן האָט
געפּאַטשט מיט נאַסע וויאָסלעס,
געלאָזן איבער אונדז אַ ביסל
זילבער פאַר אַ צייכן.

אַוועקגערוישט האָט אונדזער טראַקטאָר ווײַטער,
געבליבן איז נאָר אויף דער ערד צעשפּרייט
אַ בערגל אַש פון אויסגעצאַנקטן שײַטער
און אײַנגעפּרעסטע קאַרבן
פון דער טראַקטאָרישער קייט.

אין אַ שנת בצורת

אַ דאַנק דיר, גאָט דו גרויסער!
אין חלום האָב איך שוין געשפּירט
אַז עפּעס טוט זיך דאָרט אין דרויסן:
דער רעגן פּאַטשט אַרײַן אין ווייץ,
עס שטייט דאָס קאָרן־פעלד פאַרפּלייצט
און ס׳שטײַגט דאָס וואַסער אין געקלעטער;
אין קאַרטאָפל־פעלד זעט מען נאָר די שפּיצן פון די בלעטער,

און די בייטן־מערן,
גרעזעלעך גרינע, בלאַסע,
ווי אויערלעך צום הערן —
קוקן זיי אַרויס פון וואַסער.
און אויף דיביימער —
טראָפּנס רעגן, ווי די זונען
האָבן גאָלדיק זיך געשפּונען,
ווי בײַטשן ליכטיקע פון אויבן;
און ווען דער חלום איז צערונען
האָט דער געבענטשטער רעגן
פריילעך אָנגעקלאַפּט אין מײַנע שויבן.

ניט וויין

דײַנע צערן אין לעבן — פֿאַרקלענער,
די פֿרייד דײַנע — כפֿל.
און קיין מאָל דו ווער ניט פֿאַרצווייפֿלט,
ניט וויין און ניט שרײַ;
צום האָפֿן איז אַלע מאָל שענער,
כדאַי.

און כאָטש שטאַרק ביטער
און פֿינצטער איז דיר,
ווי טיף אין אַ ברונעם,
ניט שעלט און ניט זידל,
ווייס: גאָט איז דײַן היטער
און דו ביסט אַ דינינקע סטרונע
ביי אים אין זײַן פֿידל.

פאַרווישטע שפּורן

דער ווילדער רויטער מאָן האָט אָפּגעבליט.
צופוסנס פון די בערג אַ קאַראַוואַן זיך ציט —
אַ טרויעריקער צוג אין ווייַסן זאַמד,
ווי שניי,
און אויף די האָרבן, —
טעג, וואָס זענען שוין געשטאָרבן,
טראָגן זיי.

אַ קליין אַראַבערל שפּאַנט־נאָך
און האַלט די שטריק.
די פליגלען פון זייַן רויטן קאַפּטור אויסגעשפּרייט
אין ווינט טוט פלעמלען,
און הינטער אים, אין טראָטגעוויג
אַ לאַנגע קייט
פון קעמלען
מיט צייַמלדיקע פלעכטן —
שפּאַנען צו דעם נעכטן.

פון אויבן שיט דער הימל — רויטן פלאַם.
די ווייכע טלאָען, אָפּגעשטעמפּלט
בלייַבן אין דעם זאַמד
און ציִען זיך אין מדבר — קרומע שנורן.
נאָר אָט, קומט אָן אַ ווינט,
פאַרווישט די שפּורן
און — פאַרשווינדט.

אין פעלד

דער ווינט בלאָזט אָן
מײַן ווײַסע לײַוונטענע בלוזע
און בייגט צו דר׳ערד
די יונגע גרינגע קוקורוזע.

ער איז אַ שטיפערל, דער ווינט,
אַ שטיפערל, אַ ליבער;
ער בייגט די שלאַנקע שטענגעלעך,
אָט באַלד, ער ברעכט זיי איבער.

זיי גיבן האַסטיק זיך אַ גלײַך,
ווי ס׳פּאַסט פאַר יונגע גלידער —
די לאַנגע בלעטער זענען שטײַף
און גרינען רויִק ווידער.

גלאַדיאָלן

ווי געשניצטע פּײַפּיאָלן —
שפּאָרן פון דער ערד —
גלאַדיאָלן.
די לאַנגע בלעטלעך אַרום,
זיי וויקלען אײַן דעם פערפום
וואָס שפּאַרט פון בלום.

גלאַדיאָלן
ווי סטרונעלעך צעבליצטע
בלענדן;
די בלעטלעך —
צוגעשניצטע
בײַ די ענדן.

גלאַדיאָלן —
גוט איז זען
אויפן פעלד זיך וויגן.
אַ מאָלער קאָן געווים זיי מאָלן,
אָבער מיט אַ פּען
איז שווער צו געבן זיי אַ תּיקון.

געלײַטערט

דאָס ליד איז געלײַטערט און ריין
דורך טויזנטער צערן.
נישט נאָר זיך אַליין,
טו אויך נישט דעם צווייטן פאַרנאַרן.
דו זע, ווי פון פּשוטן שטיין
די לויטערע שטראַמען זיך שפּאַרן.

דערזע, ווי דער פריער באַגין,
ער טאַפּט אין פאַרטאָג דײַנע שויבן.
דער דרויסן ליגט קיל און ליגט גרין
אַט ווי אין דער לופט אויפגעהויבן.
דײַן וואָך זײַן האָט אויכעט אַ זין —
ווען פול איז דײַן שורה מיט גלויבן.

כ׳וועל אַנטאָן הײַנט די גראָבע שיך

כ׳וועל אַנטאָן הײַנט די גראָבע שיך,
די פּראָסטע
און וועל אַוועק,
צו יענער סטעזשקע די פאַרלאָזטע,
וואָס האָט קיין סימן פון אַ וועג.

וואָס דאַרף אַ מענטש אַ פּשוטער ווי איך? —
אַ ביסל זון אין גרויע טעג,
אַ ביסל ליכט,
אַ ביסל שײַן.

כ׳טרעף אַ טיר, קלאַפּ אָן און גיי אַרײַן,
די מענטשן דאָרטן איך באַגרים.
איך זעץ זיך בײַ דעם דאָרפיש־גרויסן טיש,
אַ יונגע פרוי הייבט אָן דערלאַנגען
אַ קאָרנברויט פון אייגן פעלד און זאַנגען,
אַ גלעזל פרישע מילך,
נאָר וואָס געמאָלקן,
אַ קעזל, וואָס מיט קימל שמעקט.
און איידער כ׳גיי אַוועק,
מײַן דאַנק עס טוט אַ הילך
מיט זאַטער פרייד —
פאַר אַלע גוטע לײַט.

אין דרויסן ליגט די פרײַע ערד צעשפּרייט —
און אויפן הימל קיין סימן פון אַ וואָלקן.

אַ פרעמדער פויגל

פאַר נאַכט.
עס שטייען קוישן פול מיט פרוכט.
ביַי טאָג האָט דאָ גערעגנט.
אַ פרעמדער פויגל אויף מיַין דאַך —
פאַרבלאָנדזשעט פון אַ וויַיטן געגנט —
שטייט און סקרוכט.

אַ וויַיסער פויגל, וויַיס ווי פראָסט,
ער גליווערט אויפן דאַך אין דעמער.
צוריק פון פעלד עס קערן זיך די לעמער;
דער פאַסטעך שטייט און חלומט ביַי אַ בייט.
דעם הימל לעקט אַ וואָלקן ווי אַ רויך.
די זון פאַרגייט.

מײַן הויז

קײנער איז צו מיר אַרײַנגעקומען
פֿון דער פֿרעמד.
אויפֿן טיש — דער פּולער בעכער בלומען
שטייט פֿאַרשעמט.

מיר האָב איך געלאָזן אָפֿן
קעגן פֿעלד.
קײנער אָבער האָט הײַנט ניט געטראָפֿן
צו מײַן שוועל.

שוואַרצע קראָ איז אויף מײַן דאַך אַרויפֿגעפֿלויגן,
קראָליקל — אַ ווײַסער פֿלעק —
אַרײַנגעקוקט צו מיר מיט רויטע אויגן
און — אַוועק.

קלעטערפּלאַנצן שטופּן גרינע לאָקן
אין מײַן שויב.
ערגעץ ווײַט דאָרט וואַרט אַ וואָגן
הינטער אים — אַ זײַל פֿון שטויב.

רו...

נאַכט.
כ׳בין מיד און גאַר נאָך רו,
פאַר וואָס זשע רעוועט אַזוי אומעטיק די קו
אין שטאַל?
וואָס מעקען אַזוי טרויעריק די לעמער?
די נאַכטיגאַל
האָט זיך צעגאָסן מיט אַ זמר;
דער נאָענטער קוואַל —
אַ שנירעלע, אַ זילבערנער, אַדורכן פליין —
גיט אויך זײַן ניגון צו,
ווי שטיל געוויין:
פליו־פליו, פליו־פליו.

נאַכט.
אין הויכן גראָז, אַ גריל
דאַרט הערט ניט אויף צו זעגן,
עס יאָגט אַ טומל אָן פון זײַטיקן שאָסיי,
העי, פּאָליציי!
אַן אַקצידענט!

אַ גרויסער לאַסט־אויטאָמאָביל
קומט אָן פון ווײַטע וועגן,
די פינצטערניש געדיכט
צעשנײַדט צוויי פּאַסן ליכט,
באַלײַכט אַ בוים, אַ בלאַט,
מײַן דאָרפיש־ווײַסע שטוב —
מײַן רו.

איך בין מיט רעש שוין זאַט,
איבערגעגנוג.

אויפן שוועל פון פופציק

אזא געאייל!
מתפלל איז אין מיר מיין זעל —
צו וועמען רופט זי?
אט נאך א ווייל
און כ׳שפאן אריבער שוין די שוועל
פון פופציק.

ווי לאנג צוריק? —
ביים גרענעץ אויף דער וואך
און אויפן פעלד ביים אקער,
געוועזן זענען מיר די בריק,
ווייניק פון א סך,
וואס האבן זיך געצויגן צו דעם פלאקער.

די יונגע פלייצעס פאר דער מי,
און דאס געזיכט פאר שטויב,
וואס האט מיט הייסן ווינט געשמיסן.
מיט שוויים האבן מיר די מדבר־ערד צעבליט
און א פעלד, וואס גרינט —
פון איר ארויסגעריסן.

און אז איך גיב א קוק
אויף דעם, וואס איז אוועק,
וואס מיר האבן געזוכט, וואס מיר האבן געפונען —
דערלאנגען ווילט זיך טיף א בוק
פאר יענע גרויסע טעג,
וואס זענען אפגערונען.

1960

גייט אַ ותיק פון דער אַרבעט

פאַר מאיר'ן

אַוועק אַ טאָג פון מי,
ווי אַלע טעג פון יאָר.
ער שלעפּט קוים זײַנע פיס.
דער הימל איז נאָך קלאָר,

כאָטש ס'איז דער אָוונט נאָענט
און ווי אַ גרויסער פלאַם —
עס ברענט דער האָריזאָנט
לענג־אויס דעם בלויען ים.

און ער, מיט אַקסלען מיד,
קערט אום זיך צו זײַן היים,
און אויפן ליפּ — אַ ליד,
און אויפן וועג — אַ בוים.

און ווי ער גייט פאַרביי
דעם בוים, וואָס וואַקסט בײַם וועג,
באַרירט אַ דינער צווײַג
זײַן בגד בײַ אַ ברעג;

און בלאַט צו בלאַט זיך שאַרט,
זיי נידערן צום מענטש —
ווי אים דער בוים וואָלט צאַרט
און שטילערהייט געבענטשט.

שוין לאַנג ניטאָ

שוין לאַנג ניטאָ בײַ אונדז קיין מוילאײַזלען,
קיין פערד,
נאָר טראַקטאָרס בלויז און לאַסט־אויטאָמאָבילן,
זיי רײַסן אויף, צעפּאַסעווען די ערד.
און וואָלטן מיר געטראָגן בערד —
וואָלטן זיי געוועזן לאַנגע, סיווע,
ווי בײַ די זיידעס אונדזערע נאַיִווע.

געוועזן גרויסע טעג
און גוט זיי צו דערמאָנען:
אייזעלעך האָבן געפּירט די פולע פעסער.
און איצט איז וואַסער דאָ,
אַ גאַנץ געוועסער
אין אַלע קראַנען —
זײַ זיך נאָר מטריח.

געוועזן גרויסע טעג —
מען האָט גערעדט ממשותדיק: משיח...
איצט קומט אַ נײַער דור
וואָס קוקט אויף אונדז, די טאַטעס,
קרום און זײַטיק.

אוי קינדערלעך, איר מעגט נאָך פאָלגן עצות
בײַ די, וואָס האָבן אויסגעבייגטע פּלייצעס.
ווער ווייס צי איר זײַט פאַרן לאַנד
שוין צײַטיק — —

טיף אין יאָרן

שוין טיף אין יאָרן איז אַרײַן דער ייִד,
איצט איז ער מיד
אַ לעבן האָרעוואַניע טראָגן —
צום אויפשטיין אַלע גרויזינקע פּאַרטאָגן;
אַוועקגיין אויפן פעלד מיט פּיאַש.
איצט בריט אים אַ פּאַרדרוס,
אַ, ניט אַזוי אויף זײַנע יונגע יאָרן,
ווי אויף די כוחות, וואָס ער האָט פאַרלאָרן — — —

און אויף די פעלדער רוישט גאָר איצט אַ טראַקטאָר.
אַוודאי שפּעט,
און ער ליגט נאָך אין בעט.
ווי וואַגט ער?
ס׳איז ניט
פאַר זײַן געמיט,
פאַר זײַן כאַראַקטער.
ער האָט גאָר ליב
אין שוואַרצן בײַט צו שפּאַנען,
צו אָטעמען די ברייטקייט פון די לאַנען
און זען, ווי ס׳שפּראָצט פון דר׳ערד —
גאָטס ברכה.

נאָר ווען אַדורכן שויב ער זעט
ווי פעסטע יונגען שפּאַנען,
די פעטע ערד אַדורכגעאַקערט, אויסגעיעט
די ווילדע קרייטעכצער און גראָזן —
האָט ער פאַרשטאַנען,
אַז זײַנס האָט ער געטאָן שוין צו דער זעט,
פאַראַן אויף וועמען אָט־די מי צו לאָזן.

פסח

הגדה של פסח... מצרים און גושן...
אויף אונדזערע פעלדער —
די טראַקטאָרן רוישן.
די מעסערס די בלאַנקע,
די לאַנגע,
זיך טיפן,
אַזוי ווי אַ שיפל,
אַ שיפל אויף טײַכן.
עס שפּרייטן
זיך בייטן
אין שורות אין גלײַכע.
עס קלימפּערן קייטן.
הגדה של פסח — דערציילט מען אין פריידן.

אַ טראַקטאָר אויף כוואַליעס
און אים קאָנען אַלע —
אָט דעם טראַקטאָריסט,
מיט אַקסלען די ברייטע,
מיט הענט פעסטע, פלינקע, —
געקומען פון דאָרט, פון טרעבלינקע,
עס ברענט נאָך דער נומער
בײַ אים אויפן האַנט,
עס שוואַרצן די ציפער;
מיט נסים אַריבערגעבראַכט אים אין לאַנד...

עס גראָבט זיך דער אַקער
אַלץ טיפער און טיפער
אַריַין אין דעם באָדן.
עס גלאַנצן די מעסערס,
ווי ערד אונטער זיי וואָלט געזאָדן
אַ שוואַרצע, אַ פריַיִע...

הגדה של פסח —
אין גאַנצן אַ ניַיִע.

מײַן שכן

מיר װױנען אַ טיר לעבן אַ טיר,
אַ שותפות־װעראַנדע, אַ שותפותער דאַך.
ער קלאַפּט אָן צו מיר
אין מיטן דער נאַכט:

— דו שלאָפסט ניט, איך זע אין דײַן שײבל אַ שײַן,
צי קאָן מען אַרײַן?

איך עפן די טיר, ער שטײט אױף מײַן שװעל,
זײַן טשופּרינע שװאַרץ, דער בליק זײַנער פלעמלט;
דער שטערן פאַרשאָטנט און געל
און אונטער די אױגן — צװײ רעמלעך...

(געקומען צו אונדז מיט יאָרן צוריק,
ער אַרבעט אין קוזניע — קאָװאַדלע און האַמער —
װי זאָגט ער אַלײן: מיר האָט אָפּגעגליקט
אַנטלױפן פון היטלערס גאַזקאַמער.) —

אַרײַן און ער שמײכלט: „שלאָפסט ניט, פּאָעט,
מען זיצט און מען טראַכט?"
און איך בין טשעקאַװע:
װאָס װיל ער פון מיר אַזױ שפּעט
אין דער נאַכט?
איך טראָג אים אַנטקעגן אַ טעפּעלע קאַװע
צו טרינקען.
ער זעצט זיך אַװעק און קרעכצט צעבראָכן:
„עס שלאָפט זיך ניט, שכן,
עס װעקט מיך דער פלאַם פון טרעבלינקע..."

מיר זיצן און שװײַגן.
אין דרױסן, דער װינט קושט די צװײַגן.
די שטערנדלעך פינקלען.

שאַרפער ציטער

אין לאַנד ביי מיר איז וואַרטונג איצט,
איז וואַרטונג און איז שפּאַנונג,
פון צייט צו צייט עס גיט אַ בליץ...
נאָר ווער האָט דען אַן אַנונג
פון יענעם טאָג, וואָס קומען וועט
מיט שטורעם און געוויטער? —
אָ, בלויז אין האַרץ פון דעם פּאָעט
איז דאָ דער שאַרפער ציטער.

ווי קומט צו דיר אַ טאַנק?

מײַן זון יגאל — באהבה

דײַן זיידע, דער שוחט, — געווען כל ימיו קראַנק,
דײַן טאַטע — אַ ישיבה-בחור יאָרן-לאַנג,
ווי קומט צו דיר, מײַן זון, אַ טאַנק?
ווי קומט צו דיר אַ טאַנק?

עס טראָגט פון דיר מיט סיני-ווינט,
דו ביסט פון שטויב און זון געבראָטן,
ווי קומט צו דיר אַ טאַנק, מײַן קינד?
ווי קומען פּולעמיאָטן?

דײַן שטעל — פול מוט, דײַן טראָט איז גרינג,
וואַרפט פּחד אויף די שונאים.
ס'איז גרינג צו לעבן, יאָ, ס'איז גרינג
אַ דאַנק אַזעלכע בנים.

„זיי — דער וואָלף, און מיר — די שאָף",
אַזוי פלעגט מען אונדז וויגן,
דאָס מעשׂהלע איז לאַנג צום סוף,
דאָס מעשׂהלע — אַ ליגן.

אויך אונדזער קויל איז היים און שאַרף,
עס טרעפט אין ציל דער קוילנוואַרפער,
ווען, חלילה, מען באַדאַרף...
הלוואי זאָל מען ניט דאַרפן.

1956

אין קלעם

מִן־הַמֵּצַר קָרָאתִי...

תהלים, קאַפּיטל קי״ח פסוק ה׳

ווערטערדיקע קראַטן

איך הער אין מיר ווי עמעץ שרײַט:
דעם זעקסטן צענדליק גיסט שוין אַ צעבײַט,
און אַלץ נאָך ניט קיין לײַט,
עס שפּילן נאָך אין דיר, אָנסטרונעדיקע פידלען
און טוסט נאָך לידלען, לידלען.

אָפּט פרעג איך זיך אַליין: פאַר וועמען?
דעם סוד,
עס ווייס נאָר גאָט,
און אפשר אויך מײַן הילצערנער שופלאָד,
וואָס שלינגט אַרײַן אין זיך
די אַלע מײַנע לידער און פּאָעמען;
פאַרמאַכט צוריק, אַז קיינער זאָל עס ניט
דערזען, דערקענען,
קיין פרעמדנס אויג זאָל עס ניט שאַטן...

אָ, לידער מײַנע, ווערטערדיקע קראַטן!
איר וועט מיך ניט פאַרראַטן
ביזן סוף.

איך ווייס עס גוט:
מײַן זינגענדיקער סטראָף
וועט לעשן זיך צוזאַמען מיט מײַן בלוט.

זיי בליצן מיט ווערטער

מען פוצט זיך די פעדערן,
מען צערטלט די זילבן;
מען גלײַכט זיך צו צעדערן,
אַליין איז מען — מילבן.

מיט ווערטער זיי בליצן,
זיי רוישן מיט פאַרבן;
און איך — טו פאַרקריצן
דײַן וואָרט אין די גאַרבן.

זיי שפּײַען מיט שורות
און שרײַען: נבואה!
און איך — זע דײַן פּורעם
אין שײַער מיט תּבואה.

מיט רייד אומבאַוווּסטע
פאַרקריפּלען דאָס לשון,
און איך ווייס, אַז פּוסט איז
זייער רזין דרזין...

ליד און לויב

וואָס איז ליד
און וואָס איז לויב?

ליד — אַ ווײַסע טויב,
פרייד, האָפענונג און שרעק,
האַס און ליבע.

לויב — אַ ווײַסע טויב
וואָס פליט אַוועק
און לאָזט דיר גאָרניט איבער.

איך רייד צו זיך

איך רייד צו זיך: דערשלאָג זיך צום באַשייד
צו דעם באַשייד טו זיך דערשלאָגן.
זיפּ איבער יעדעם וואָרט דורך זיבן זיפּן.
דאָס האַרץ איז פול מיט רייד
קוים צו דערטראָגן,
נאָר שווער איז עס צו ברענגען אויף די ליפּן.

איך רייד צו זיך: דער בוים באַבלעטערט איז,
די ערד איז גרין,
באַדעקט מיט בלומען און מיט גראָז,
דער הימל הענגט אַ בלויער.
זע, פריילעך פלאַטערט אום דער שמעטערלינג,
עס זשומט די בין.
פאַר וואָס, פאַר וואָס
אין מיר טיפט שווערער טרויער?

איך רייד צו זיך:
פאַר וואָס
אין אַלצדינג זעסטו שוואַרץ,
ווי עמעץ וואָלט פאַרלאָשן אַלע ליכט
ביַי דיר אין האַרץ?
דו לערן זיך פון גראָז,
וואָס גרינט
אונטער הימלען בלויע,
פון שפּין, וואָס שפּינט
זײַן וועבונג אין אַ ווינקל מויער,
און פון דעם פּראָסטן פלאַקן אינעם פלויט,
וואָס שטייט פאַרפלאָכטן אין געדריי
און גענעצט סתם אַזוי
און לאַכט פון וועלט און צײַט.

איך ליג מיט אויגן אָפן

איך ליג מיט אויגן אָפן,
פאַרטראָגן ווייט
פון שטח און פון צייט,
אין טונקלעניש פאַרהילט;
נאָר ס׳קלעפּן זיך צו מיר די סטראָפן —
איינגעפלאָנטערט אין אַ בילד:

אַנטקעגן, אויפן וואַנט, הענגט אַ געמעל —
אַ רייכע גאַמע פלאַמענדיקע פאַרבן —
אַן אָקס, אַן אָפגעשונדענער
פון זיין פעל,
צעשניטן און צעגלידערט;
זיין רויטער קאָפ פאַרוואָרפן
אויפן רויטן שוועל
און אויף זיין שאַרבן —
די רויטע שקיעה נידערט.

און פּלוצלונג —
עפענען זיך אַלע מיינע וווּנדן.
עס ווערט מיר קלאָר:
דאָס ליג איך אויפן שוועל צעשונדן,
ווי אַ חיה,
און איבער מיר —
עס שפּאַנט אַ נייער דור
צו אַ וועלט — אַ נייער.

אויב ניט באַשערט

און אויב ס׳איז ניט באַשערט ס׳זאָל ווערן בעסער,
טאָ העלף מיר, גאָט, פאַרשליסן זיך אויף זיבן שלעסער,
אָט ווי אַ ווערעמל אונטער קאָרע,
און ווי אַ מוילוואָרף אין זײַן נאָרע,
זאָל איך אין מײַן חדר ליגן,
און ניט פאַרטעמפּן זאָל דער צער
מײַן קלאָרן ניגון.

אָ, העלף,
איך זאָל ניט וועלן קלעטערן אין יענע הייכן,
צו וועלכע איך וועל סײַ ווי ניט דערגרייכן.
די בענקשאַפט וואָס זי יאָמערט איצט אַרוים
פון מײַן געמיט,
זאָל קריגן תיקון, קלאָרקייט אין מײַן ליד.
מײַן וואָרט זאָל יעטוועדער באַנעמען —
און זאָל מיך ניט פאַרשעמען.

דיכטער

וואָס דו האָלטסט אין זיך פאַרשלאָסן,
דעק עס אויף צוריק, אַנטפּלעק.
פּרוּווֹ פאַרטרײַבן די פאַרדראָסן
פון דײַן דיכטערישן וועג.

גורל האָט שוין אָנגעצייכנט ? —
צייכן זיך אַליין דײַן גאַנג.
זאָל דיר דוכטן, אַז דערגרייכן
וועט צו הויכן דײַן געזאַנג ;

נאָר דערוויילע ווי אַ וואָרעם
פויזעסטו אַזוי בײַ דר׳ערד
און אַרום נאָר בלוט און קברים
און דאָס פאָכען מיט דער שווערד.

ווילסטו מיט געזאַנג פאַרטרײַבן
אָט די זעונג פון געמיט,
און באַשײַנען און באַשרײַבן
און פאַרדעקן מיט אַ ליד ?

ווייס, אַז דיר וועט ניט געלינגען
אָפּצומעקן גרויע וואָר,
ווײַל אַפילו דורך דײַן זינגען,
דורך דײַן ליד וואָס לויטער, קלאָר —

וועט דער צער זיך ווײַטער שפּאַרן
פון דײַן וואָרט, פון יעדן טאָן.
קיינעם וועט דײַן ליד פאַרנאַרן,
ווײַל דער אמת פלייצט און מאָנט.

כ׳האָב ניט אַרומגעצאַמט מײַן הויז

כ׳האָב ניט אַרומגעצאַמט מײַן הויז,
איך האָב מײַן גאָרטן ניט באַוועסערט;
אַ דאָרן וואַקסט אַנשטאָט אַ רויז
און חילפי־גראָזן ווי די מעסערס.

גאָר שפּעט בײַ נאַכט, ווען כ׳ליג אין בעט,
איך הער ווי עמעץ רײַסט די טירן.
ווער קאָן עס זײַן? דער ווינט? אַ שד?
פון שרעק די שפּיצן־פינגער פרירן.

איך הייב זיך אויף און לאָז זיך גיין,
פון שלאָף די ברעמען מײַנע קלעפּן.
ווער קען עס אַזוי שפּעט איצט שטיין
בײַ מיר אויף מײַן צעבראָכן טרעפּל?

איך גיב אַ פרעג: ווער ביסטו, ווער?
נאָר כ׳פיל מײַן קול האָט זיך צעבראָכן.
עס פאַלט אַ טראָפּן טוי — אַ טרער,
איך הער אַ קלאַנג פון ביין און קנאָכן.

און ווײַטער לײדיק, ווידער שטיל,
די פינצטערניש האָט מיך פאַרוויקלט.
איך הער מײַן אַלט־באַקאַנטן גריל —
ער זעגט זײַן ליד אין שפּאַלט פון בריקל.

וואָס זעגט דער גריל פון שפּאַלט אַרוים?
דער ווינט פאַרשטייט אים אפשר בעסער...
כ׳האָב ניט אַרומגעצאַמט מײַן הויז,
איך האָב מײַן גאָרטן נישט באַוועסערט.

אַ נײַ ליכט

אַן אויער נייג צו זיך
און שאַרף אָן דעם געדאַנק:
עס צאַנקט דאָס ליכט,
עס צאַנקט
דורך טרויעריקע מעת־לעתן,
און וועט זיך באַלד פאַרלעשן.

אַן אויער נייג צו זיך,
ווי צו דעם ים.
דו שלאָג אַרויס אַ נײַ ליכט,
אַ נײַעם פלאַם,
וואָס זאָל צעלײַכטן זיך און ברענען,
ליכטיקער און שענער.

איך בין מיט זיך אַליין

איך בין מיט זיך אַליין ניט גאַנץ,
ניט מיטן וואָרט, ניט מיט מײַן גלויבן —
אַ יעדער בלישטשענדיקער גלאַנץ
פאַרטונקלט ס׳ליכט פון מײַנע אויגן.

איך וואַרף זיך לינקס און פּרוּוו זיך רעכטס
און זע נאָר צער, און זע נאָר ליידן.
זאָג, וואָס איז גוטס און וואָס איז שלעכטס? —
ס׳איז גאָר ניט גרינג צו אונטערשיידן.

עס לאַכן מײַנע פרײַנד פון מיר,
און זייער שפּאָט מיר שטעכט די ריפּן;
זיי טרינקען גרויסע קופלעס ביר
און ווישן זיך די גראָבע ליפּן:

— אַ, זעט דעם דאַרפסיונג, קוקט אַן דעם נאַר,
וואָס זוכט ער, אָט דער וויסטער גולם,
און וואָס וועט זײַן פאַר דעם זײַן שׂכר? — —
אַרום עס טרינקט און לאַכט דער עולם.

איך זוך אַן אָרט, אַנטלויפן גיך
פון זייער שפּאָט און זייער שילטן.
אומזיסטן האָס איך טראָג אויף זיך —
אָט ווי דער שילדקראָט זײַנע שילדן.

ווי די פליג

די קולות אין מיר, וואָס שטומען,
זיי קומען,
אַזוי ווי געבורט וואָס איז שווער.
איך הער
און פאַרנעם:
דער מענטש איז אין קלעם
פון צער און פון אומעט,
אַזוי ווי די פליג אונטער גלאָז,
וואָס זשומעט
און קען ניט אַרויס;
זי פּרוּווט מיט די פליגעלעך שוואַכע
דערלאַנגען אַ שטויס
די גלעזערנע וואַנט;
זי זוכט אַ שפּאַרונע, אַ שפּאַלט...

אויך אונדז עמעץ האַלט.
זײַן האַנט —
אַ קאַלטע ווי אײַז,
מיט פינגער — פּראַסטיק און בלוי.
מיר בלײַבן פאַרשלאָסן אין קרײַז
ביז אַלטקייט, ביז גרײַז,
ביזן טויט.

עס טרעפט

עס טרעפט, איך הער אַ שטיל געוויין —
פון ווײַט? פון טיף? פון הימלען גרויע?
און אפשר וויינט פון ברוק אַ שטיין?
צי גאָר אַ ציגל פון אַ מויער?
ווײַל אויך אַ דומם האָט דאָך אַ נשמה,
נאָר קיינער הערט ניט ווי זי יאָמערט.

עס טרעפט איך הער אַ ווײַטן רוף,
ווי עמעץ רופט מיך אָן בײַם נאָמען.
אַ ציטערניש גייט דורך מײַן גוף,
ווי ס׳וואָלטן אָנגערירט מיך שטראָמען,
געהיימע
און פילן אָן מײַן לייב מיט אימה.

איך זיץ אין שטוב, אַ שראַנק מיט ביכער,
נאָר איך אַליין בין דאָ ניט זיכער,
און פיל ווי פחד הייבט מיך אָן פאַרפולן.
נעם איך אַ ספר, פעסטיקן מײַן גלויבן, —
צעפּאַלן בלעטער זיך אין שטויבן.

עס טרעפט איך לעג מײַן קאָפּ אָן שויב,
צום אָפּקילן מײַן הייסן שטערן.
איך זע, עס פלאַטערט דורך אַ טויב
און האַלט אין שנעבעלע אַ קערן;
אין פענצטער גלימערט אַוונטרויט.
און אין מיר — טויט.

לערן מיך זען

דו לערן מיר זען אין איטוויטער מענטשן
אַ חבר,
און זאָלן די יאָרן אין מיר זיך ניט לייגן
ווי זשאַווער.

פֿאַרגעסן איך זאָל אָט די שווערע און בייזע
מינוטן,
און אַלץ, וואָס קומט און פֿאַרגייט, זײַן זאָל
צום גוטן.

ווײַל קורץ זענען טעג, נאָך קירצער עס זענען
די יאָרן,
און לאַנג איז דער וועג, גאָר לאַנג און —
פֿאַרדאָרנט.

אַ רוף

אַ רוף אַזאַ ווײַטער,
אַ שמיץ פון אַ רוט —
אין שווערן געלײַטער
פון אייגענעם בלוט.

אַ נאַכט פון ניט שלאָפן,
אַ נאַכט הײַנט אָן רו:
— ווער טוט מיך דאָ שטראָפן?
— דאָס אייגענע בלוט!

איך לאָז זיך אין טיפן,
אין תהומען אַוועק.
ווו זעגלען די שיפן?
און ווו איז דער ברעג?

וואָס שמײַסט ער, דער שטורעם?
ווו יאָגט ער, דער ווינט?
אין שווערע יסורים
איך זעגל אָפּ בלינד.

אַ מענטש אָן אַ נאָמען,
אַרויף און אַראָפּ.
עס קראַכן די תהומען
און ווישן אַלץ אָפּ.

די נאַכט איז פון אויבן,
דער פײַער אין טיף.
ניט ברעך זיך, מײַן גלויבן,
ווי אין שטורעם אַ שיף.

אַ נאַכט פֿון ניט שלאָפֿן,
אַ קול, ווי אַ רוט.
עס טוט דיך באַשטראָפֿן
דאָס אייגענע בלוט.

קלאָרקייט פֿון וואָרט

דין ווי אַ האָר,
אַ בליץ און אַ שניט.
קלאָרקייט פֿון וואָרט,
פּשטות פֿון ליד,
ווי גאָר שטאַרקער ווײַן
דעם גומען עס בריט.
זאַפּ איך עס איַין
ביַי מיר אין געמיט.

מײַן שוועסטערל

מײַן שוועסטערל קליין, מײַן שוועסטערל קליין,
איך האָב אויף מײַן שוים דיך ניט איין מאָל פֿאַרוויגט;
איך זע נאָך אַט איצטער דעם ייִדישן חן
וואָס אויף דײַן פּנימל ליגט.

אַ קאָפּ בלאָנדע האָר, אַ רונדיק געזיכט,
צוויי אויגן — צוויי בעכערס מיט צער.
ווּ זענען די מערדער, וואָס האָבן דײַן ליכט
פֿאַרלאָשן אַט דאָרט אויף פּאָנאַר?

גורל

שטילער, שטילער, כ׳הער אַ ניגון,
כ׳הער אַ זינגען.
שטילקייט וויל מיך איצט פֿאַרוויגן,
וויל פֿאַרשלינגען.

גייען יאָרן — ווינטער, זומער.
וואָס דערוואַרט מיר?
גורל שטומער,
גורל האַרטער.

אַזאַ מין ליכטיקער פֿאַרמעסט

אַזאַ מין ליכטיקער
און הייליקער פֿאַרמעסט,
וואָס לערנסטו דערפֿון ?
דו פֿרעג דעם בוים,
וואָס שטייט פֿאַרוואָרצלט פֿעסט ;
דו פֿרעג דעם פֿויגל
אין זײַן נעסט,
דעם זין פֿון ליכט און זון ;
דו פֿרעג דאָס פֿעלד וואָס גרינט,
די בליִענדיקע בלום ;
דו פֿרעג דעם קילן ווינט,
וואָס האַלדזט דיך,
נעמט אַרום.

באַשייד

נעם אַרײַן זיך אין דײַן זינען
דעם באַשייד:
גראָזן גרינען —
גאָטס קלייד.

אויך די בלימעלעך אין פעלד
זע, חלילה, ניט צעטרעט,
ווײַל מיט זיי האָט גאָט זײַן וועלט
אויסגעבעט,
און אײַנגעדעקט
אַלץ וואָס אָרעם
און ניט גוט,
אַלץ וואָס מיאוס און פּאַרפּלעקט,
קברים,
בלוט...

הללויה

די פייגעלעך, קליינע
און פריילעכע זינגער,
פאַר טאָג אין מײַן פענצטער
זיי זענען שוין דאָ.
זיי זיצן אויף צווײַגן,
אַזוי ווי אויף פינגער
און זינגען און לויבן:
הללויה!

און איך אין דעם דרויסן
זע וווּנדער, זע וווּנדער.
בראשית ברא...
מיר דוכט — פונעם בוים
יעדער צווײַג זינגט באַזונדער:
הללויה!

נאָכן רעגן

גלאָזט האָט דער רעגן
לוזשקעלעך — זילבערנע שפּיגלען,
ווי ניקלנע שטײַגן.
לאָמיר די ווערטער פֿאַרזיגלען —
און שווײַגן.

אַוועק איז דער רעגן,
נאָר אַלץ איז געבליבן פֿאַרטאָפּלט;
עס רינען פֿון בוים און פֿון צווײַגן
בריליאַנטענע טראָפּן.

אַ וועווריק קלעטערט,
די זון לײַכט אַרײַן דורך די בלעטער
דעם וועווריק צוקאָפּן.

דער גריל

אין וואַנט זעגט
אַ גריל,
און אין מיר אַ קול
(צום וויפלסטן מאָל?)
יאָמערט שטיל
און פרעגט:
וואָס איז דער ציל?

עס לויפן די טעג,
חדשים און יאָרן זיך קנוילן,
און טראָגן אונדז לאַנגזאַם אַוועק
צום נאָנטן בית־עולם;
און דאָרטן איז רויִק און שטיל,
ניט מען טראַכט, ניט מען פרעגט,
דער זעלביקער גריל
אין גראָז, אין הויכע, ער זעגט...

נעכט

א

די זילבערנע שטערן אין הייכן
ווינקען און מאָנען:
פאַרצייכנסט, בן־אדם, פאַרצייכנסט
אונדזערע פילע מיליאָנען.

באַנעמסט אויך דעם מילכוועג, דעם גרעסטן
מיט ציפער, מיט חשבון, מיט רמז.
דו האָלטסט אונדז אין וועגן און מעסטן,
אַליין, קוים אַ מילב — דײַן פאַרנעם איז.

ב

דער האַלבער רונד פון דער לבנה גרינט,
ווי אַ זילבערנע, אַ קרומער שווערד.
וואָס מאַכט מיך אומרויִק דער ווינט?
וואָס בייגן זיך די ציפּריסן צו דר׳ערד?

עס וואַרפן זיך די בלעטער מיט קלאַנג,
דער הויכער טאָפּאָלבוים האָט ניט קיין רו.
עס פֿײַפט דער ווינט זײַן ווינטישן געזאַנג
אַרײַן צו מיר אין שטוב.

ג

מיַין צעלט — אַ פֿענצטער צו דער נאַכט
שטייט אָפֿן.
כ׳בין כולו אויער, כולו וואַך
און ס׳קלינגען אין מיר סטראָפֿן.

מיט טוי, ווי מיט אַ שלייער,
שטייען שטיבעלעך באַצוויגן,
און איבער זיי, די דעכער קרום.
די שיַיבעלעך, אויסגעלאָשענע, ווי אויגן,
פֿינטלען שטום.

שפּיטאָל־לידער

א. כריזאַנטעמעס

זוך דעם אמת
אין די ווײַסע כריזאַנטעמעס.
טראַכט אַ ביסל
פֿון דער האַנט, דער צאַרטער,
וואָס האָט אַוועקגעשטעלט זיי
אויף דײַן טישל.

בענטש די האַנט,
לויב די פֿרוי,
וואָס האָט פֿון דיר געטראַכט,
ווײַסע כריזאַנטעמעס
צו דײַן בעט געבראַכט
מיט וואַרעמקייט פֿון פֿרויען־פֿינגער, —
ווייטיק דײַנעם מאַכן גרינגער.

נאַכט.
דער זייגער איז צען.
מיר דעקן זיך אײַן מיט די קאָלדרעס
דעם ווייטיק ניט זען
און ניט הערן.
נאָר ס׳קלעטערט פּאַרטײַעט די שרעק
אַרונטערן דעק
און אונטערן שטערן,
ווי ווײַסע און פּראַסטיקע בערן.

אין שפּיטאָל־פֿענצטער קוקט זי אַריין
די לבנה —
העל ליכטיק און גרוים
און רונד ווי אַ רייפל.
די יונגינקע שוועסטער ווישט אָפּ מיר
דעם אַנגסטיקן שוויים
פֿון פּנים, פֿון שלייפֿן.
אירע פֿינגער קילע און דין
פֿאַרוויגן און גלעטן,
איך אָטעם דעם ריח פֿון עטער,
געמישט מיט יאַסמין —
און שווים ערגעץ אָפּ מיט מײַן בעטל...

מײַן בעטל — אַ שיפל,
וואָס פאַלט אין אַ תהום אין אַ טיפֿן,
ווי פּײַערלעך בליצן און װינקען...
עס לאָזט מיך ניט זינקען,
דער װאַרעמער אָרעם
דער שװעסטערם —
אַן אָנשפּאַר איז מיר און אַ װענטל.
איר פּאַרטעך — כלאָראָפאָרם,
איר לײַב שמעקט מיט מענטע
און מיט קאַרבאָל...

עס שאַרעט אויף טאָג
אין די פענצטער פון גרױסן שפּיטאָל.

פּאָעטן

לייזער וואָלף

אַ, לייזער וואָלף,
אויך דו ביסט שוין ניטאָ!

ס׳דערמאָנט זיך אונדזער גאַנג —
(עס דוכט: געווען איז עס ניט לאַנג) —
אויף ווילנער גאַסן.
אַראָפּגעלויכטן האָט געזאַנג
פון דײַן געזיכט, דעם ברױנלעך־בלאַסן.
ס׳איז דאַן געווען אַ טאָג,
אַ זוניקער אויף ווילנער ראָגן:
דער פרילינג האָט פון יעדער צווײַג
און קנאָספּ אַרויסגעשלאָגן,
פון בלעטעלעך, פון בליטן
און איך און דו — אין מיטן.
אין מיטן פון דעם רוישיקן ווירוואַר
געשטאַנען זענען מיר אויפן טראָטואַר.
פון ערגעץ האָט זיך דאָ דערטראָגן
דער געפײַף
פון לויפנדיקע באַנען.
דו ביסט געשטאַנען
פאַרשלאָסן שטײַף
ווי ניט פון דאַנען.

דערנאָך דערציילט האָסטו,
גערעדט פון היים, פון טאַטן
דעם שטובן־מאָלער און דעם מוליער.
נאָכשלעפנדיק אַן אויסגעדרייטע פיאַטע,
איז פאַרבײַ אַ בחור, אויף אַ קוליע,
זיך אָפּגעשטעלט, די אויגן זײַנע
אויף אונדז אַ שאָט האָבן געטאָן מיט פונקען:

— עס וועט די זון אויף אלע מוליערס זיך צעשיינען...
און איז צוריק אוועקגעהונקען.

געדענק איך גוט דעם טאָג,
דעם פרילינגדיקן בלויען;
אין הארץ איז אָנגענעם געווען,
דאָך פּײַנלעך האָט געגאַיעט.
דאָס בלוט האָט יונג
און היים געשלאָגן,
און שוואַך און קליין דער גוף —
דעם אומרו צו פאַרטראָגן.

די גאָס אַנטקעגן אונדז געלויכטן האָט
מיט שטיקער זון און אומעט.
די שטיבער — דורך אויפגעפּראַלטע פענצטער, טירן —
זיי האָבן דאַרשטיקע די זון געגומען שעפּן.
אַ ווילדע בין האָט דורכגעזשומעט.
און דו האָסט דײַנם אַ ליד גענומען דעקלאַמירן
גיך און אײַליק, ווי אַ ניימאַשין וואָלט שטעפּן.
אין פוטערל פאַרפּוצט האָט דורכגעאײַלט אַ גבירה —
ווי דו וואָלסט זי פאַריאָגט
מיט דײַן סאַטירע...

און נאָך אַ טאָג:
אין ווילנער־גאונס קלויז
דאָרט אויף אַ באַנק,
געזעסן זענען מיר, געשוויגן לאַנג;
זיך צוגעהערט צום אייגענעם געזאַנג
וואָס רײַסט זיך פונעם הארץ אַרויס
אַן קול, אַן ניגון.

דו האָסט געשווינג (זײַ מוחל מיר),
געוועז ביסטו אַ שטיקל מרוק.
נאָך איצט געדענק איך אים,
דײַן פײַערדיקן קוק.
וואָס האָט אין שטילקייט פונעם קלויז
אַרויסגעשריגן.
דײַן שווײַגן האָט געשראָקן.

און ערגעץ אין אַ ווינקל לעבן גאונס אָרט —
אַ קלויזניקל האָט זיך געשאָקלט.
אין אויפגעפּראַלטן אָרון־קודש
האָט אַרײַנגעוויינט אַ פרוי,
דאָרט פאַר איר קראַנקן קינד געבעטן.
אַ פאַרביק שײַבל האָט אין זון געפינקלט —
בלוי
און גראָ.

איצט ביסטו, לייזער וואָלף, שוין אויך ניטאָ — — —

1943

אַברהם סוצקעווער

(נאָכן לייענען די „ייִדישע גאַס")

זיך אָנגעטרונקען מיט דײַן ליד
און אויסגעגנאָגט אַ יעדער שורה,
עס האָט דײַן וואָרט מײַן לײַב געבריט
און אָנגעפילט מיט סם און גבורה.

דײַן יעדער וואָרט איז פול מיט האַס
צו מערדער און צו די וואָס מאָרדן,
וואָס האָבן אונדזער ייִדישע גאַס
פאַרפולט מיט חיהדיקע האָרדעס.

דײַן סטראָף דערהויבט זיך הויך און פרײַ,
און גוט איז דורך דײַן ליד צו שפּאַנען.
עס האָט אַדורכגערוישט אויף ס׳נײַ
דײַן זײַן דאָרט בײַ די פּאַרטיזאַנען.

די געטאָ־יאָרן אין געקלעם,
אין ענגן קרײַז פון ווילנער גאַסן;
אין זיך געוואָרעמט האָסט דעם שם
פון הייליקע און ווילנער שם״ן.

דו האָסט דורך אַלע שוואַרצע יאָר
אין זיך געטראָגן טיפן גלויבן,
דעריבער האָט זיך עס דײַן וואָרט
צו העכסטע הויכקייטן דערהויבן.

עס רעדט דורך דיר דאָס פאָלק אַרויס,
וואָס אָפּגעמעקט האָט דער באַצווינגער.
דײַן שורה איז ווי פרישער טוי,
ביסט פון מיליאָנען דער באַזינגער.

דו ביסט די צונג, וואָס האָט געוועקט,
דו ביסט דאָס פֿײַערדיקע לשון
וואָס אויך אין פּלאָם, אין גרויל, אין שרעק
האָט ער זיך דיר ניט אויסגעלאָשן.

די זעונגען אין דיר פאַרקריצט,
ווי אין אַ פעלדז זיך קריצן יאָרן;
און אין דײַן דיכטונג אויפגעבליצט
האָט פון דאָס נײַ מיט פרישן צאָרן.

טראָגסט אויף דײַן קאָפּ וואָס איז נאָך יונג,
דעם צער פון דײַנע „עפּיטאַפן".
דו האָסט פון בלוט דערלאַנגט אַ זונג —
מיר הערן ווייטיקדיק און גאַפן.

דײַן גרוים געזאַנג פון וויי און מוט
און דײַן געראַנגל מיטן קריגער,
און אַ געטובלטער אין בלוט
ביסטו פון קלעם אַרוים דער זיגער.

דײַן וואָרט איז ווונדערלעך צעבליט
מיט פרישן קלאַנג, מיט נײַער גבורה — — —
זיך אַנגעטרונקען מיט דײַן ליד
זיך אַנגעשכורט מיט דײַן שורה.

1949

י. ל. פרץ

דו ביסט אויך איצטער
אונדזער לײַכטנדיקער פֿאַקל,
דער װוּנדערלעכער שעפֿער און געביטער.
און מאַך איך איצט, מײַן אײגענעם סך־הכל,
דאַן כ׳װײס:
אַז פֿון דײַן גרױסן פֿלאַם,
פֿאַרפֿלױגן איז אין מיר אַ פֿונקעלע, אַ שפּליטער.

נאָך אין ישיבה, האַלטנדיק דײַן „מאָניש״,
פֿאַרדעקט אים מיטן טאָװל פֿון גמרא —
דער רבי פֿרעגט:
— װאָס האָסטו דאָרט?
איך ענטפֿער: גאָרניט!
פֿון ליגן פֿלאַמען מיר די אױערן,
דעם רבינס אױגן שאַרפֿע, בױערן
און זײַנע ליפּן שטומען;
זײַן קוק װערט אומעטיק װי בײַ אַן אבל,
װען ר׳נעמט דאָס בוך אַרױס פֿון אונטערן טאָװל,
פֿון מיר — װי די נשמה װאָלט ער צוגענומען.

און שפּעטער, װען
ביסט לאַנג שױן ניט געװען
האָב איך דיר אין דײַן גאָרער ליכט דערזען,
און צװישן מײַנע חלוצים־ברידער מידע
כ׳האָב זיך געפֿילט,
װי צװישן דײַנע שבת־קודשדיקע ייִדן:
„מיר גײען זינגענדיק און טאַנצנדיק״
מיט פֿרײד,
װען אַקערמעסערס שאַרפֿע, גלאַנצנדיק
זײ רײַסן־אױף אַ פֿרישן בײט. — — —

פון ווילנער קלויז, ראַמײַלעסעס ישיבה,
געקראָגן האָב איך דאָ אין לאַנד מײַן תיקון
צווישן מײַן קיבוציש־וואָך און וואָר,
און ס׳איז מיר קלאָר:
אַז דאָס איז אויך אַ גילגול פון דײַן ניגון.

1951

אריה שמרי

מיט ערדישן זשאַוועך
„אין וואָכיקן ליכט",
מײַן חבֿר,
באַוויַיז דיַין געזיכט!

מײַן דאָרף איז דײַן דאָרף,
בײַ ביידן די אייגענע שטיבער.
די ערד, פּעט ווי טאָרף,
און מיר רופן זיך איבער.

הייב אויף דײַנע אויגן,
דײַן גוף וואָס איז קנאָכיק,
מיר גייען פון משׂא געבויגן —
משׂא פון וואָרט און ברכה.

די ריַיכקייט פון מי, ווער וועט אַרבן?
איך ווייס און דו ווייסט.
מיט דעם זעלביקן אַרבל
ווישט דער ווינט אויך מײַן שוויים.

געשטאַרקטע מיט גלויבן
וועט מי אונדז נישט ברעכן,
זאָל אונדזער וואָרט זיך דערהויבן
העכער און העכער.

אין בייט דעם טראָט געטרעטן,
פאַרשפּינט אין דינינקע טרויערן.
צווישן פּאָעטן זענען מיר פּאָעטן,
צווישן פּויערן — פּויערן.

מיט ערדישן זשאַווער
„אין וואַכיקן ליכט”,
מײַן חבר,
באַווײַז דײַן געזיכט!

1953

ה. לייוויק

די יאָרן לויפן.
...און ווידער ביסטו דאָ נאָך דרײַצן יאָר,
מיט מערער קנייטשן אין די שלייפן,
מיט מערער זילבער אין די ווײַסע האָר;
מיט מערער ווייטיק אין געשריי,
וואָס רײַסט אַרויס פון דיר זיך, ווי פון קלעמען.
דורך יאָרן איז געווען אַזוי פיל וויי
וואָס עד־היום איז שווער עס צו באַנעמען,
איז שווער פון דעם צו אַנען.
די רויכן פון טרעבלינקע און מיידאַנעק
זיי האָבן זיך אין דיר אַרײַנגעזייגט,
אויף דײַנע דינע אַקסל זיך אוועקגעלייגט
אויף אייביק.

און ווידער ביסטו דאָ, דו דיכטער, גרויסער לייוויק!
געווען ביסטו אין לאַנד פון גזלן, פון דערוורגער —
אין ווילדסטן חלום האָט מען ניט געקענט
זיך פאָרשטעלן דאָס ערגער.

מיט תפילה אויפן ליפ און מיט אַ פלוך,
האָסטו צווישן חורבות אויסגעזוכט
און האָסט געפונען:
אַ קינדערישן שוך,
אַ יידן־קרעכץ, וואָס אין חלל איז צערונען,
און יידן־לײַב, וואָס איז געוואָרן שטויביק.

איצט שפּאַנסטו גלויביק,
אויף אונדזער אַלטער, ניי־באַפּרײַטער ערד.
צום אויפבוי האָסטו לאַנג זיך צוגעהערט
מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם
און עס אין ליד פאַרקנאָטן.
דײַן ליד, וואָס אויפגעגאַנגען איז לבנהדיק, אַ פּולע —
איז אָנגעזאַפּט מיט בענקשאַפט נאָך גאולה.
שפּאַנסט פריידיק איבער אויפגעאַקערט ערד,
דו זעסט, ווי ס'הייבן זיך בנינים.
עס האָט דער גואל דאָ אויף אונדזער שוועל
פון אויסלייזונג געלאָזן די סימנים — —

דו גייסט דאָ ווי אַ נביא אום,
און הערסט זיך אײַן —
די גאַנצקייט זוכסט צו אונדזער רים...
און אויף די אָוונטן לכבוד דיר
מיט גוטן ווײַן,
דערזעסטו גאָר דעם אָרעמען און ניט געדעקטן טיש.
און דורך די מענטשן מיט די אַקסלען ברוין,
פון וועלכע ס'זינגט די זאַטע מי
אַרויסעט שטיל,
דערזעסטו אויך דעם עלנטן פאַרשוין,
וואָס קלאַפּט פון הונגער מיטן קאָפּ אָן דיל.
עס איז דײַן האַרץ און אויער וואַך
פאַר די,
וואָס האָבן דאָ אָן אייגן הימל איבערן קאָפּ,
נאָר ניט קיין דאַך.

פון שטענדיק אָן
ביסטו דער מאַן וואָס מאָנט.

1950

שלום אַש

דו ביסט אַ שיף,
וואָס אָפּגעזעגלט האָט צום טויט.
ווער וועט אויסמעסטן דײַן טיף,
ווער קען אויסשפּאַנען דײַן ברייט?

דײַן וועג — טייל מאָל געווען זיגזאַגיק,
און אָפט — ניט זיכער;
נאָר אַלע מאָל געווען ביסט וואַגיק
עם פאַרצייכענען אין דײַנע ביכער.

און מיר, די יורשים, גריבלען זיך
אין שלום אַש פון פריִער און פון שפּעטער.
אַ טייל פון אונדז דערזעען ניט דאָס ליכט,
וואָס שפּאַרט פון דײַנע בלעטער.

אַ, ווער קען אויסמעסטן דײַן טיף?
האָסט אַלע מאָל געשפּאַנט אַריבער מרחק,
איבער צײַט...
געגליכן ביסטו צו אַ גרויסער שיף,
אַ פול באַלאַדענע —
וואָס אָפּגעזעגלט האָט אין ווײַט.

1957

אַנאַ פראַנק

אָ, אַנאַ פראַנק, דו מיידעלע פון דרײַצן יאָר,
איך לייען דיך מיט אַ פאַרכאַפּנדיקן אָטעם.
ווי קלאָר, ווי צויבערפול און קלאָר
באַשרייבסטו אַלץ מיט אַלע דינע פּרטים —
די וואָר, די גרויליק ווּיסטע וואָר.

דו ייִדיש טעכטערל, דו פייגעלע אין שטײַג
מיט פליגלען אויסגעדרייטע און צעבראָכן,
נאָר דורך די קראַטן העכער האָט געשטײַגט
דײַן וואָרט, אַריבער אַלע צוימען, אַלע יאָכן;
דאָס וואָרט — דײַן וווּנדערלעכער, ליכטיקער געצײַג.

די גאַנצע וועלט דערהערט איצט דײַנע רייד.
מיליאָנען אויף די ליפּן טראָגן אום דײַן נאָמען.
ווער זאָגט: ביסט טויט? דו ביסט ניט טויט,
ווײַל אייביק לעבן וועט דער גלויבנדיקער זאָמען
וואָס אין די העפטן דײַנע האָסטו פאַרזייט.

1958

צי זענען ווערטער ביכולת

דו חבר מײַנער, ניט דערהערטער,
מײַן שטים צו דיר וועט ניט דערגיין.
איך בין פֿאַרליבט אין ליד און ווערטער,
און דײַן געזאַנג געווען איז שיין.

פֿאַר וואָס אין שאָטן ביסט פֿאַרבליבן?
האָט גורל דען אַזוי באַשערט,
אַז דאָס וואָס דו האָסט אָנגעשריבן
האָט קיינער, חוץ מיר, ניט דערהערט?

און הײַנט ווען ס׳שטומען דײַנע ליפּן,
דײַן גוף איז אויסגעמישט מיט שטויב —
זע איך ווערטער, דײַנע זילבן
פֿליִען אַף, ווי ווײַסע טויבן.

אַליין פֿאַרבלײַב איך אין מײַן טרויער,
אין ליידיקייט וואָס רינגלט אום
אַ וואַנט, אַ שטוב, אַ פּלויט, אַ מויער,
דעם וואָלקן איבער מיר וואָס שטומט.

אַרום מיר איצטער, נאַקעט, הויל איז,
אַ שטילער צאַנק פֿון אָוונט-ליכט...
צי זענען ווערטער ביכולת
דאָס אַלץ אַרײַננעמען אין זיך?

עלעגיע אויפן טויט פון אַ פּאָעט

לזכר מ. באַסאַק

אַ בערגל פרישע ערד און בלומענקראַנצן;
אַ בלעכן ברעטל דיר צוקאָפּנס, ווי אַ שומר.
די פייגל האָפּסלען אום און טאַנצן,
זיי זאָגן שירה אין די צווייַגן.
נאָר דייַנע ליפּן שווייַגן,
שווייַגן שוין אויף שטענדיק.
דער פרילינגדיקער טאָג איז באַלד געענדיקט.

די לידער דייַנע וואָס האָסט ניט דערזונגען,
ווי אָפּגעהאַקט אין מיטן,
זיי מאָנען און דערמאָנען
אָן דייַן לעבן, אָן דייַן יונגן —
וואָס געוואָרן איז פאַרשניטן.

קברנים האָבן שוין געענדיקט דאָס פאַרשיטן.
זיי שטייען פינצטערע, מיט רידלען שווערע —
ווי אויסגעלאָשן אַלע ליכטער —
זיי האָבן דאָך פאַרשאָטן דאָ אַ דיכטער.

דער ווינט אין פעלד —
ווי נעכטן, אייערנעכטן:
פאַרשייַט איז זייַן געלעכטער.
עס בליט דער ווילדער מאָן
און ס׳בליט דייַן ליד און מאָנט.

ס׳איז נאָך ניט שפּעט

ס׳איז נאָך ניט שפּעט —
דײַן נאָמען קלינגט אין אַלע שטעט,
דו ייִדישער פּאָעט.

דײַן ליכטיקע נגינה —
וועקט איינעם אין אַ שטאָט
און צוויי אין אַ מדינה.

דו ווער ניט מיד —
דאָ טויזנט שטעט
און טויזנט לייענען דײַן ליד.

ס׳איז אונדזער לשון אַלט און נײַ
און ייִדיש לשון קלינגט
אַפילו אין שאַנכײַ — — —

ס׳איז נאָך ניט שפּעט! —
דײַן נאָמען קלינגט אין אַלע שטעט,
דו ייִדישער פּאָעט.

ק י נ ו ת

נאָך מײַן זון משהלע, װאָס איז אין שליחות פון צה״ל טראַגיש פאַרשניטן געװאָרן אין בליענדיקן עלטער פון אַכצן יאָר.

1966—1961

פאַר וואָס?

פאַר וואָס האָט עס דער גורל מיר באַשערט,
מײַן זון אַרײַנלייגן אַ יונגגן אין דער ערד?
אַרויפשיטן אַ באַרג אויף זײַן געביין
און אויפן באַרג אַרויפשטעלן אַ שטיין,
אַרײַנקריצן אין מאַרמאָר: משה ז״ל —
נאָך דאַנקען גאָט און לויבן: י ת ג ד ל!
זיך אויפהייבן פון בערגל און — חסל.
חסל דאָס מעשׂהלע פון משהלע מײַן קינד,
חסל דאָס מעשׂהלע פון משהלע מײַן זון...

דערנעבן וואַקסט אַ דאַרנקוסט און גרינט
און בליצט מיט טויטראָפּנס אַנטקעגן זון,
איעדער טראָפּן אויפן שטיין פאַלט ווי אַ טרער...
מײַן טײַער קינד,
פאַר וואָס אַזאַ מין גורל דיר באַשערט?
פאַר וואָס האָט עס דער גורל מיר באַשערט?

דײַן פֿאַרמירמלטער גוף

אין פֿלאַנטער פֿון רעגן, פֿון בליץ און פֿון שטורעם —
ווער האָט עס אין גסיסה־יסורים
צום ווײַסן שפּיטאָל דיך געבראַכט,
פֿאַרוויקלט אין ווײַסע באַנדאַזשן,
פֿאַרוויגט אין דער אייביקער נאַכט?
פֿאַרשטומט איז אויף שטענדיק דײַן קול.
דו ביסט דורכן שטורעם אַרויף אויפֿן הימל
אַט ווי אליהו אַ מאָל.

דײַן פֿאַרמירמלטער גוף אין טויטלעכן שטומען
איז ווײַט פֿון אונדז און דערהויבן.
עס וויינען אין גאָרטן די בלומען,
די שוואַלבן — בײַ מיר אין די שויבן.
אַפֿילו דער ווינט,
וואָס אומעטיק פֿײַפֿט אין די בלעטער —
וויים אויך,
אַז דו וועסט ניט קומען,
ניט איצטער, ניט שפּעטער.

אַ טאַטנס אַ טרער

איז נאָך דאָ עפּעס שרעקלעכס דערפון,
ווי באַגלייטן צום קבר אַ זון?
אַכצן יאָר האָסט באַגלייט זײַנע טריט,
מיט אַ מאָל אַזאַ בלוטיקער שניט.
דו דערפילסט, אַז די קרוין פון דײַן קאָפּ
איז מיט אים אינעם קבר אַראָפּ.

קען נאָך זײַן עפּעס פינצטערס דערפון,
ווי באַוויינען אַן אייגענעם זון,
אויסצוגלעטן זײַן בערגעלע ערד?
איז נאָך דאָ אַזאַ מאָס, אַזאַ וואָג,
אויסצומעסטן אַ טאַטנס אַ טרער,
אָפּצוּוועגן אַ מאַמעס געקלאָג
אויף אַ יונג־פאַרשניטענעם זון?
איז נאָך דאָ עפּעס ערגערס דערפון?

און באַנעמען ווער קען דעם באַשייד,
ווי עס קומען די גראַמען, די רייד,
און זיי לייגן אין שורות זיך גוט?
כאַטש דאָס הארץ — אַ פאַרגליווערט שטיק בלוט —
ציט צום קבר פאַרשאָלטן און שווער,
און אין אויג — אַ פאַראײַזיקטע טרער...

בײַם קבר

פֿאַריתומט ציט זיך איצט מײַן װעג,
עס װײנט אין מיר מײַן יעדער אבר:
כ׳האָב, לאַנד, אױפֿגעשענקט דיר מײַנע יונגע טעג,
צוריקגעגעבן האָסטו מיר אַ קבר.

די זון גײט-אױף און עס פֿאַרגײט די זון,
די טרערן טריקענען ניט אױף מײַן װײ.
עס ברענט אין אָװנטליכט דער קבר פֿון מײַן זון
און אױך אין מיר איז איצטער ערב שקיעה.

ס׳איז שטיל, בית-עולמדיק אין אָװנט-ליכט,
אַ פֿױגל איבער מאַרמאָר-שטײן דערלאַנגט אַ פֿלאַטער.
מיט דלאָניעס מײַנע דעק איך צו ס׳געזיכט
און זע — אַ פּעטער װאָרעם פֿױזעט שױן אַ זאַטער.

איך האָב געוואַרט

כ׳האָב היינט אויף דיר געוואַרט
אַ מידער,
כ׳האָב אַלע ביכער אָפּגעשאַרט
און אַלע לידער.

אַרויסגעקוקט עס האָבן אותיות בייז,
מיט אַ פֿאַרדאַכט,
פֿון דעם פּאַפּיר, דעם בלאַנקן;
זיי האָבן ניט קיין טרייסט
געבראַכט
מיין האַרץ, מיין קראַנקן.

די פֿייגעלעך אין סאָד
זיי זינגען צאַרט,
און אין מיין גאָרטן עפֿענען זיך בלומען.
מיין גאָט, איך וואַרט נאָך אַלץ און כ׳וואַרט,
כאָטש כ׳ווייס, אַז דו וועסט קיין מאָל שוין
ניט קומען.

ניט דו וועסט הערן מער דעם פֿויגלשן געזאַנג,
און ניט פֿאַר דיר די טוליפּאַנען...
ווו נעמט מען כוח פֿאַרן ווייטערדיקן גאַנג,
זון מיינער, פֿון וואַנען?

מיט תפילה, מיט געוויין

עס יאָמערט טיף אין מיר מיט תפילה, מיט געוויין,
איך רייד צו דיר, איך רייד צו זיך אַליין;
באַלייכטן זאָל מײַן פינצטערניש דײַן ליכט,
באַהאַלטן זאָלסט פון מיר ניט דײַן געזיכט.

אין מײַנע טרערן ביסטו דאָ, אין מײַן געכליפּ,
ניט איין מאָל כ׳פיל דײַן אָטעם אויף מײַן ליפּ;
דײַן שטימע ציטערט דאָך אין מײַן געזאַנג,
כאָטש ביסט אַוועק פון מיר, אַוועק שוין לאַנג.

עס טרעפט בײַ נאַכט, איך שטרעק צו דיר מײַן האַנט,
נאָר טאַפּן טאַפּ איך אָן אַ קאַלטע וואַנט.
איין אויגנבליק האָב איך געזען דיך קלאָר —
איך שוידער־אויף: איז חלום עס, צי וואָר?

און ווען איך מאַך די אויגן ווידער צו,
איך הער דײַן קול.
איך ווייס, אַז דאָס ביסטו,
נאָר מורא כ׳האָב אַ וואָרף צו טאָן מײַן בליק,
ווײַל קענסט, חלילה, גלײַך פאַרשווינדן אויף צוריק.

מײַן אויג פאַרלויפט, מיט טרערן ווערט עס פול,
ווײַל ווי איז צו דײַן אבא דעם שכול;
יאָ, ווי איז אים, ווי איז מיר און ווינד —
כ׳פאַרגין זיך ניט אַ קוק טאָן אויף מײַן קינד.

ס׳וועט גרענעץ פֿאַרווישט

נאַכט. כ׳ליג און הער
די רייד דײַנע זיסע,
און ס׳קײַקלט מײַן טרער
זיך אַראָפּ אויפֿן קישן.

דײַן וואָרט פֿאַלט באַזאַכט,
מיט חכמה באַוואַקסן;
מײַנע אויגן פֿאַרמאַכט,
דײַן האַנט אויף מײַן אַקסל.

דײַן קול איז זיס
און איבערגעגעבן.
ס׳איז גרענעץ פֿאַרווישט
צווישן טויט, צווישן לעבן.

עס שפּאַרט אַזאַ ליכט
פֿון דײַן אויג וואָס איז אָפֿן.
איך פֿיל דיך לעם זיך,
ווי ס׳וואָלט גאָרניט געטראָפֿן.

כ׳רוף: זון מײַנער, לעב!
נאָר פּלוצלונג אָנשטאָט אים —
אַ ווינט גיט אַ שוועב
און — ס׳פֿאַרהאַקט מיר דעם אָטעם.

פֿון שלאָף איך דערוואַך,
ווי פֿון טיפֿן געיאָמער.
איך טאַפּ אָן די נאַכט —
און דו ביסט ניטאָ מער.

ווו איז דער דריטער?

איך שלאָף, און אין שלאָף
גייט דורך מיר אַ ציטער:
ווו איז ער, דער דריטער,
ווו איז ער, דער דריטער?

צוויי ביימער, צוויי שלאַנקע,
אַרום זיי — געוויטער.
האַרץ מײַנס, מײַן קראַנקע
פרעגט: ווו איז דער דריטער?

און וואָס קען איך זאָגן
איצט זײַנע צוויי ברידער? —
זיי שטייען און קלאָגן:
ווו איז ער, דער דריטער?

אָט שטייט ער, מײַן גאָרטן,
אין זון אַ צעבליטער:
רויטדופטיקע רויזן,
ווו איז ער, דער דריטער?

אָוונט. די זון הענגט
בײַם ראַנד אַ צעגליטע:
פאַרנאַכטיקע הימלען,
ווו איז ער, דער דריטער?

די פראַגעס זיי בײַטשן
מײַן לײַב, ווי מיט ריטער:
ווו איז ער, דער דריטער,
ווו איז ער, דער דריטער?

מען פירט מיך, מען ווײַזט מיר
צווישן ביימעלעך שיטער
אַ בערגעלע ערד:
אָט דאָ ליגט דער דריטער.

צעיאָמערט אַ קול זיך
אין מיר אַזוי ביטער:
ער לעבט דאָך אין דיר —
אין דיר לעבט דער דריטער!...

פרילינג

דער פרילינג רופט —
נאָר דו, מײַן קינד, װעסט שױן
ניט אָטעמען די זיסע לופט,
דעם גוטן ריח װאָס די בלום פאַרשפּרייט;
ניט זען מער װי די זון גייט אויף,
פאַרגייט — — —

אַ פויגל רופט —
נאָר דו װעסט קיין מאָל שוין ניט
נאָכקוקן װי פייגל שװעבן.
פאַרשאָטן איז מיט ערד דײַן יונגער גוף,
װאָס האָט אַזוי געריסן זיך צום לעבן.

דער בוים, װאָס דו האָסט אים פאַרפלאַנצט,
ער האָט זיך הײַנט באַדעקט מיט פרישע בליטן,
װי מיט אַ דינעם דורכזיכטיקן פאַנצער;
זײַן יעדעם בלעטעלע פון טױ געװאַשן —
גלאַנצט,
נאָר װײ, װוּ איז דער פלאַנצער?

עס איז מיר קלאָר —
װי לויטער קלאָר עס איז אַ טרערן־טראָפּן —
האָסט ליב געהאַט דעם װינט אין דײַנע האָר.
הײַנט שטייט אַ ביימעלע בײַ דײַן צוקאָפּן —
די צװײַגן זײַנע קושט דער װינט.

אַ גרויער מאַרמאָרשטיין

אַ גרויער מאַרמאָרשטיין,
אַ ווערבע מיט אַראָפּגעלאָזטע צווײַגן.
דײַן מאַמע ווײנט,
די טרערן אירע, שטילע, רינען,
און איך — גליוווער אין מײַן שווײַגן.
פון אונדזער בוים ביסטו
אַן אָפּגעבראָכן צווײַגל
וואָס וועט שוין קיין מאָל גרינען.

מיר האָבן הײַנט זיך בײַ דײַן שטיין פאַרזאַמט.
דײַן מאַמעס פּנים
איז פול מיט פײַכטע פלעקן.
און איך? — איך זוך אַ גראַם
מײַן טיפן ווייטיק צו פאַרדעקן.

ממשותדיק

ממשותדיק איז דער מאַראַנצנבוים,
די פּירות, וואָס איך רײַם דערפֿון;
ממשותדיק איז אָט דער גרויער שטיין
וואָס וואַרעמט זיך אין פֿרילינגדיקער זון.

ממשותדיק — דער זייגער אויפֿן האַנט,
וואָס טיקעט יעדע רגע אוים,
ממשותדיק איז דער סופֿים, די וואַנט;
ממשותדיק — דאָס גאַנצע הויז.

ממשותדיק דער הימל איבער דיר —
אים קאָנסט ניט אָנטאַפּן, דאָך איז ער דאָ;
ממשותדיק — דאָס ליד אויפֿן פּאַפּיר,
ווי נאָר אַ שפּאַן טיילט חלום אָפּ פֿון וואָר.

ממשותדיק איז יעדער אָטעם-צי,
וואָס זאָגט דיר אָן: דו לעבסט, דו ביסט פֿאַראַן!
ממשותדיק — דער פֿויגל אין זײַן פֿלי,
די מילב, די פּיצל מיט איר דראָבנעם שפּאַן.

ממשותדיק?... דו טיפֿער וויל פֿאַרשטיין,
וואָס דרינג איך איצט דערפֿון:
ממשותדיקער איז דער גרויער שטיין
וואָס אויפֿן קבר פֿון מײַן יונגן זון.

גלעט מיך נישט, ווינט

דו גלעט מיך נישט, ווינט!
דײַן צאַרטער באַריר וועקט אויף ווונדן,
ווײַל טויט איז מײַן קינד,
יאָ, טויט איז מײַן זון און פאַרשוווּנדן.

אַ בערגל באַגראָזיקטע ערד.
אין מאַרמאָרענעם שטיין וואָס צוקאָפּן
פאַרקריצט איז אַ צווײַג און אַ שווערד;*
באַזילבערט דורך טוייִקע טראָפּן.

וואָס זאָל איך מיטן בערגעלע טאָן,
מיטן קבר, וואָס איז מיר געבליבן?
וואָס קערט ער מיט דיר זיך גאָר אָן —
דו זון מײַנער, ליבער...

מײַן האָרץ איז מיט ווערטער איצט פול,
אין זיי כ׳פּרוּוו מײַן ווייטיק פאַרוועבן —
נאָר ווי איז דעם אבא־שכול
וואָס רופט דיך דורך גראַמען צום לעבן.

---

* עמבלעם פון צה״ל.

מײַן קינד

מײַן קינד,
ווי גיט מען אַ פֿאַרבינד —
דו און שטאַרבן?
דײַן יונג בלוט
וואָס האָט דעם שוואַרצן אַספֿאַלט
אָפּגעפֿאַרבן.
באַגלייטן וועט מיך יענע שרעקלעכע מינוט —
ווען מ׳האָט די בשׂורה מיר געבראַכט:
געשטאָרבן!...

מײַן קינד,
ווי גיט מען אַ פֿאַרבינד
אַזעלכע רייד?
ווי קען מען גאָר פֿאַרוועבן
דו און — טויט,
ווען פֿול ביסטו געווען מיט לעבן,
מיט שטראָמענדיקער פֿרייד;
מיט אומרו אָנגעלאָדן —
מיט טאַנצנדיקע הורהס...

און איצט —
פֿאַרשאַרט ליגסטו אין באָדן
פֿון אונדזער קליינעם בית־הקבֿרות.

אַלץ איז דאָ פול

אַלץ איז דאָ פול
מיט דיר און מיט דיר,
ווו כ׳גיב זיך אַ ריר —
ליגן העפטן פון שול,
און בלײַערס, פּאַפּיר.

אין שורות אויף גיך
פֿאַרצייכנט — דײַן כתב;
אַן אַלטע פּאָר שיך
דאָ שטייט נאָך און גאַפט

און וואַרטן נאָך געווים;
זײַן גרייט צו דער צײַט —
אַרויפגיין אויף פּיס
און אַוועקשפּאַנען ווײַט...

געענדיקט דײַן גיין,
פֿאַרמאַכט איז דײַן בוך,
אויף בלעטלעך געוויין
כ׳שטוים אַן זיך, איך זוך.

זיכרונות אויף לאַנג
איך באַהאַלט אין געמיט.
חסל איז דײַן גאַנג,
פֿאַרענדיקט דײַן ליד.

פֿאַרשוווּנדן דײַן ליכט,
די יונגינקע טעג;
איך טראָג דיך אין זיך
ביזן סוף מײַנע טעג.

איך פאַל מיטן פּנים

ווי שטענדיק קומט טאָג און פאַרגייט,
עס צײַטיקן פעלדער מיט תבואה.
מײַן הארץ איז פאַרביטערט, אָן פרייד,
מײַן ליפּ איז פאַרשטומט, אָן נבואה.

די זאַנגען שוין רייפע און געל.
מיך וווּנדערט: ווער דאַרף זיי איצט האָבן?
ווײַל נאָענט בײַם ברעג פון דעם פעלד
האָט מען דיר אַ קבר געגראָבן.

אי דרוף דיך בײַם נאָמען, איך רוף
מיט ליבשאַפט און צער אָנגעלאָדן,
כאָטש כ׳ווייס, ס׳איז דײַן יונגינקער גוף
געוואָרן אַ שטיק פון דעם באָדן.

איך פאַל מיטן פּנים צו דר׳ערד,
איך קוש יעדער זעמדל באַזונדער,
ווען דו וואָלסט מײַן שטים איצט דערהערט,
וואָלט גאָר ניט געווען מיר קיין וווּנדער.

ווײַל ליבשאַפט פאַרטראָגט ניט קיין צוים,
ניטאָ קיין מחיצה דערנעבן...
מײַן זאַפטיקער, יונגינקער בוים
ווער האָט אָפּגעזאָגט דיך פון לעבן?

פאַר וואָס ט׳מיך דער גורל פאַרשעמט?
דײַן קבר — אין שקיעה דערברענט ער.
געוואָרן דאָס פעלד איז מיר פרעמד,
און גלייכצײַטיק — היימישער, נענטער.

טרעפֿט, איך פֿאַרגעס

ס׳טרעפֿט, איך פֿאַרגעס, אַז דו ביסט טויט —
באַלײַכט אַ שמייכל מײַנע רייד,
און אין מײַן אויג עס ליכטיקט שײַן,
ווײַל כ׳ווייס: אָט גייסטו באַלד אַרײַן.
ווערסט נאָר די טיר אַן עפֿן טאָן —
דאַן טרעפֿן מיר זיך ביידע אָן,
און מענער־האַנט אין מענער־האַנט,
און ליבשאַפֿט שטראָמט פֿון אויג צו אויג.
עס וואַקסט דײַן שאָטן אויפֿן וואַנט
ווען גיסט זיך איבער מיר אַ בויג
דו שמייכלסט שטילערהייט אין זיך:
אָ, טאַטע, זע ווי ס׳וואַקסט דײַן פֿליך!
דו קוקסט זיך אום און גיסט אַ זוך
און נעמסט פֿון שראַנק אַרויס אַ בוך;
און איך — אין ליגשטול עטוואָס מיד —
פֿאַרטיף זיך רויִק אין אַ ליד,
און אַזאַ רויִקייט אין מיר,
און אַזאַ ליכטיקייט אין מיר.

ביז...
פֿלוצלונג גיט זיך אַ פֿאַרלעש
דאָס בוך, דאָס ליד, דער סטראָף
און איך באַנעם: מײַן זון — אַ מת,
מײַן טײַער קינד — אַ שוכן־עפֿר.

מײַן אויג ווערט בלינד, מײַן צונג ווערט שטום,
עס שפּרייט זיך פינצטערניש אַרום,
און ווי דײַן שוואַרצער מאַרמאָרשטיין —
אין מיר פאַרגליווערט דאָס געוויין.
און ווי דײַן קבר־שטיין איז שווער,
בריט אונטער ברעמען מיך אַ טרער,
אַ הייסער, גליִענדיקער טראָפּ,
און פאַלט פון וויִע נישט אַראָפּ.

אַ ווײַטע ליכט

עס טרעפט, איך שטיי אין רוישנדיקער גאַס
באַשטראַלט פון ווײַטע ליכט,
נאָר פּלוצלונג ווער איך בלאַס, —
איך האָב דערזען דײַן יונג געזיכט,
דײַן ווײַסן האַלדז
אין קאַלנערל פון זײַדן העמד,
נאָר ווײ, דאָס איז אַ פרעמדער.

אויף מײַן געלעגער האָב איך ניט קיין רו,
חלומות וויסטע טוען מיך פאַרנאַרן —
ווײַל אומעטום ביסט דו, ביסט דו,
און איבער דיר עס לויערן געפאַרן,
ווי אויף אַ שיף
אין שטורעמדיקן ים.

ווי דער קראַנקער בוים

אָוונט, שטיל און שטילער נידערט אויפֿן גראָז
און אויפֿן בוים וואָס איז האַלב־גרין, האַלב־קראַנק,
ער טראָגט אויף זיך אַן אָפּגעדאַרטן, טויטן צווײַג.
איך שטיי בײַם שויב, באַגאָסן מיטן מילדן ראָז,
און הינטער מיר אַ ברוינע, שווערע שראַנק,
און אויפֿן וואַנט — אַ פֿויגל אין אַ שטײַג.

נאָר פּלוצלונג האָט עס אַלץ באַקומען לשון:
אַ טיר פֿון שראַנק האָט בייז דערלאַנגט אַ סקריפּ,
דער פֿויגל האָט צעפּאָכעט זײַנע פֿליגל.
דער דרויסן האָט אין פֿענצטער זיך פֿאַרלאָשן
מיט אַ כריפּ,
און די לבֿנה הענגט — אַ קליינער, רונדער שפּיגל.

גאָר טונקל איז געוואָרן אין מײַן חדר,
איך זיץ פֿאַרשטײַפֿט בײַם שרײַבטישל פֿון דעמב.
עס פֿאַלט אַרײַן לבֿנה־שטראַל פֿון דרויסן.
איך זע: פֿון שאַפֿע שפּאַרן איצט אַרויס זיך קליידער,
מײַן טויטן זונס אַ ווײַס העמד,
די אויסגעפּרעסטע זײַנע כאַקי־הויזן.

עס פֿלאַטערן אַרום די פּוסטע אַרבל,
— — — די אויסגעפּרעסטע העמדער;
אין טונקלקייט עס מישן זיך די פֿאַרבן
פֿון כלערליי צעשויבערטע געווענדער...
נאָר איך, דער טאַטע, גליווער אין מײַן שווײַגן,
אָט ווי דער קראַנקער בוים, וואָס טראָגט
זײַן טויטן צווײַגל.

דער ראַדיאָ שפּילט שאָפּענען

זי זיצט און רויכערט אַ סיגאַר,
דער ראַדיאָ שפּילט שאָפּענען.
אַ טיפער מאַמעדיקער צער
אין אירע אויגן ברענען.

אַנטקעגן אויפן וואַנט דאָס בילד
פון זון וואָס איז געפאַלן,
און אויף זײַן יונג געזיכט עס שפּילט
דעם אוונטס לעצטע שטראַלן.

זי קוקט מיט ווייטיק אָן איר קינד,
די ליפּן אירע פרירן.
עס בלאָזט אַרײַן אַ קאַלטער ווינט
דורך אויפגעפּראַלטע טירן.

די רויז אין בלומען־בעכער גליט,
די בלעטעלעך דערברענען.
פון דרויסן הערט מען שטילע טריט.
דער ראַדיאָ שפּילט שאָפּענען.

צערפולע אויגן

די ערד איז פאַרגאָסן מיט ליכט,
די פייגעלעך פּיקן פון גרייטן;
נאָר איך בין פאַרנומען מיט זיך —
פאַרגעס אַן דעם צווייטן.

דער בלינדער זיך שאַרט בײַ דער וואַנט,
אין אייביקן חושך געלײַטערט, —
מיט גלייכגילט איך שטופּ אָפּ זײַן האַנט
און גיי אַוועק ווײַטער.

דעם יתום, וואָס וויינט בײַ מײַן טיר
און זוכט אויף מײַן פּנים אַ שמייכל —
איך שאַר אַוועק אים פון מיר.
(כאָטש וואָס איז זײַן שולד?
אָ, גאָט, זײַ מיר מוחל,
איך האָב ניט צו אים קיין געדולד.

אַנפּיסיקער מאַן דאָ בײַם טויער —
פאַרגליווערטער פויגל — ער שטאַרט;
פאַרבײַ כ׳גיי, גלײַכגילטיק, אַן טרויער,
און לאָז אים אַליין אין זײַן צער,
אַ טונקעלער צער, ווי אַ רויכל.
דו, גאָט, זײַ מיר מוחל.

צו פיל כ׳בין פאַרנומען מיט זיך,
געפּענטעט אין אייגענע קייטן.
טרעפט, שווער איז פאַרנעמען דאָס ליכט,
וואָס שטראַלט אַרום פון דעם צווייטן
דורך צערפולע אויגן פאַרוויינטע —
זײַ מוחל, מײַן האַרץ דאָס פאַרשטיינטע.

עקדת יצחק

...ויקח בידו את האש ואת המאכלת וילכו שניהם יחדו.
(בראשית כ״ב)

אַ טאַטע זײַן זון פֿירט צו דער עקדה,
ס׳טראָגט יצחק אַ בינטעלע צווײַגן.
איצט גייען זיי ביידע
און שווײַגן.

פֿון אויבן דער הימל, אַ בלויליכער ים,
פֿון אונטן — דער באַרג ווערט אַלץ גרעסער.
אברהם טראָגט אין איין האַנט דעם פֿלאַם,
אין צווייטער — דאָס מעסער.

דער וועג צווישן תהומען
זיך שלענגלט, דורך סטעזשקעלעך גלאַטע
און שטיינערנע סקאַלעס.
הייבט יצחק די אויגן אַרויף צו אברהמען:
— איך זע נישט קיין שעפּס, זאָג טאַטע,
צו וואָס איז דער חלף?

עס שווײַגט דער גרייז־גראָער זקן און שפּאַנט,
פֿאַרקלעמט נאָר דאָס מעסער אַלץ שטײַפֿער אין האַנט;
ער קוקט אָן דערשראָקן זײַן קינד
און ווישט מיטן קאַפּטור די טרערן.
עס גלעט זײַנע לאָקן, די גרויע, דער ווינט
און קושט זײַן צעאַקערטן שטערן.

שייל אָפּ זיי

שייל אָפּ זיי, די בלעטער פון צער,
די בלעטער פון צער שייל אַראָפּ.
געפאַלן אויף מיר איז דײַן גזר,
געפאַלן דײַן גזר אויף מײַן קאָפּ.

געוועזן לכתחילה געזאַנג
און יונגער און לוסטיקער שפּאַן.
דערנאָך איז געקומען די שלאַנג
אַזוי ווי צו חוה'ן אין גן.

דעם עפּל וואָס האָט מיך געררייצט —
אַ בים כ'האָב געטאָן מיט אַ קראַפּט;
נאָר פּלוצלונג — עס האָט מיך פאַרפּלייצט
מחיהדיק סמיקער זאַפט.

דער סם איז אין בלוט מיר אַרײַן,
אַרײַן אין מײַן פלייש, אין מײַן הויט;
דערפילט כ'האָב די זיסקייט פון פּײַן,
דעם צער פון פאַרגיין און פון טויט.

איך האָב זיך דערשראָקן דערפאַר,
געפילט זיך געטראָפן, פאַרשעמט;
עס האָט מיך פאַרוויקלט דײַן גזר
אָט ווי אין אַ פויערשע העמד —

אַ העמד פון לײַנענעם שטאָף,
וואָס פלאַטערט אין ווינט מיט געוויין — — —
איצט טראָג איך אויף זיך אָט די שטראָף
מיט וועלכע מײַן קאָפּ האָסט באַקריינט.

פֿאַרנאַכטיקע טענער

פֿאַרנאַכטיקע טענער

פֿאַרנאַכטיקע טענער עס פֿלייצן
פֿולע און עכטע.
קינדער־געוויין און קינדער־געלעכטער
זיך קרייצן
און פֿלעכטן
אַרײַן אין אַ כאָר
פֿון פֿייגל־געסוויטשער —
(טײַערע, פֿייגלשע סטראָפֿן!)
אין בוימישן צווײַג.
עס גרייט זיך די בריאה גיין שלאָפֿן.

איך שטיי בײַ מײַן פֿענצטער, —
(אַ מענטש אין אַ גלעזערנער שטײַג)
און זאַפּ אײַן די טענער.
דער אָוונט איז שיין,
באַגינען איז אַלע מאָל שענער
און הערלעך זײַן שײַן.

יאָ, טרויעריק איז דער פֿאַרגיין,
גאָר טרויעריק איז דער פֿאַרגיין.
מײַן עלנטער פֿרײַנד,
אַפֿילו די זוניקסטע שקיִעה
אין פֿלאַמיקן רויט,
אַרויס רופֿט אַ טרער אויף מײַן וויִע,
דערמאָנט מיך אָן טויט.

ביימער

באַנעם דעם זין,
דערשפּיר
די קראַפט
פון בוים, וואָס גרינט
אַנטקעגן דיר
און קלעטערט,
שפּאַרט מיט זאַפט,
מיט בלעטער
טונקעלע, ווי רויכן —
ריַיסט זיך צו די הויכן.

פעברואַר

א

שטייען פֿײַגנבוימער נאַקעט
און אַ קראָ אַ שוואַרצע קראַקעט
אין דער געגנט,
ווי אַ שוטה
(נעם און מאָל עס).

אין פֿרימאָרגן האָט גערעגנט.
ס׳שפּרייט דאָס פֿעלד זיך מיט גלאַדיאָלעס.
טראָפּנס גאָלדענע שעמרירן
מיט די וואַרעמסטע קאָלירן
אויף די בלעטער קעגן זון —
ברוינע, געלע, רויטע,
פֿיאָלעט.

פֿייגל פֿיר, אין די קוסטעס,
זינגען שורה —
אַ קוואַרטעט.

ב

דער אײלבערטבױם איז גרין
און אָנגעזאָפּט מיט זון, אַ לופּטיקער, אַ גרינגער.
דער מילגרױם שלאָפּט, און זײַנע צװײַגן דין
צאַפּלען זיך אין װינט,
װי דורכזיכטיקע פינגער.

דער יונגער עפּלבױם װאַקסט שלאַנק און פרײַ,
פון צװײַגן — ברױנע בליטן שפּריצן;
דערװײַלע װאַקסן בלעטלעך דרײַ
אױף זײַנע העכסטע שפּיצן,
זײ פלאַטערן װי קלײנע פאָנען
אױפן צװײַג
און מאָנען:
בלײַ, שטײַג!

דער פײַגנבױם שטײט נאַקעט, הױל,
קײן סימן נישט פון בלאַט, פון בליטן,
נאָר ס'איז זײַן קרױן אַ פלאַנטערדיקער קנױל
פון דינע צװײַגעלעך און ריטלעך.
די צװײַגן־אָרעמס נאַקעטע, װאָס ציִען זיך פון שטאַם,
צינדן זיך אין אָװנטיקן פלאַם.

ס'איז פעברואַר, װי אַ צדיקל שטײט פרום
דער סאָסנעבױם אַ זײטיקער בײַם גדר,
אַ ביסל אײַנגעבױגן, אַ ביסל קרום,
װי אײַנגעהאָרכט זיך צו די װעגן,
װי געװוען װאָלט ער דער שומר פון די סעדער
דאָ אין געגנט.

מערץ

זיי הייבן אָן לעבן צוריק —
די פּאַרטריקנטע צווײַגן.
עס פּיקן די קנאָספּן אַרוים זיך,
ווי גרינינקע אויגן.
איז גוט מיר צו שטיין לעם ביימער
פּאַרוויקלט אין שווײַגן,
און קוקן צום פלאַטער און פלי
פון אַן איינציקן פויגל,
וואָס קרײַזלט אַרום דאָ
אין געגנט.
די ערד איז דאָ וואַרעם און ווייך,
אין פײַכטקייט פּאַרוויקלט
בײַ נאַכט האָט גערעגנט,
נאָר טרוקן אַנטקעגן דער זון ליגט
דאָס הילצערנע, סאָסנאָווע בריקל.

ס'איז שטיל איצט אין סאָד.
מען הערט דעם געזשום פון די בינען,
דעם איידעלן גאַנג פונעם ווינט
דורך די בלומען.
פון אונטער אַ וואָרצל אַ זאַפטיקן,
דינעם
עס קריכן אַרוים די מוראַשקעס
אויף וועגן זיגזאַגיקע, קרומע.

אַ שנירל — אַ שליאַך,
זיי האָבן אין זאַמד אויסגעטראָטן.
מען לויפט אום פאַרפּאָרעט, פאַרטאָן —
פלינקע און לײַכטע,
עלהיי, עמעץ שרײַבט
לעבעדיקע נאָטן
אַרויף אויף דער ערד,
אויף דער פײַכטער.

פאַרהייב איך די אויגן צוריק
צום נאַקעטן מילגרוים.
די טרוקענע ריטער —
זיי גיסן זיך אָן שוין מיט לעבן,
אַ שיטערער וואָלקן אַריבערן סאָד, —
ווי אַ מילכשוים,
די ביימער ער טוט
אין אַ שלייער פאַרוועבן.

מאַי

די שטערן — ניקלנע, פינטלען,
די ביימער אָטעמען מיט בלעטערדיקע לונגען;
די וואָלקענדלעך שיטערע ווינטלען.
עס שמעקט מיט ראָסע און מיט מאַי.
מיליאָנען האָבן שוין דאָס אַלץ באַזונגען,
דאָך יעדער איינער פילט עס פון דאָס ניי.

ווי קליינע זונען —
די גרויסע, די ליכטיקע שטערן
אין שוואַרצן סאַמעט איינגעשפּונען.
די יצירה האַלט אין ווערן:
דו פוילער בער!
שאַרף אָן דיין אויג, שטעל אָן דיין אויער —
די פרילינגדיקע טריט דערהערן.

און אונטער פיס — דער גראָזטעפּעך איז פייכט:
וווּ בין איך אין דער נאַכט פאַרקראָכן?
אַ שייבעלע פון ווייטן לייכט,
אַ שייבעלע — דעם שכנס.
ווי וואָלט איך פון זיין פענצטער אויסגעבראָכן
אַ יעדער שייבעלע באַזונדער,
און אים אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן:
גענוג צו גריבלען זיך אין ספר.
בן־אדם! באַטראַכט גאָטס וווּנדער,
אַפילו ווען דו ביסט אַ כופר...

סיון

דאָס עסקאַדינע-ביימל שטייט
מיט בלעטער שטײַף און ברייט.
זײַן קאָפּ —
אַ גרין-צעשויבערטער, צעשטיפּטער,
דער שטאַם — צעוואַקסן גראָב,
די וואָרצלען — אין דער ערד פאַרטיפּטע.

דער ווינט, אין זײַנע בייגעוודיקע צווײַגן,
שפּילט זיך שטילינק,
אַ גאַנצן זומער,
און פּרוכט —
וועט ער מיר געבן ערשט אין פרילינג
וואָס וועט קומען.

לעם אים דער מילגרוים וואַקסט —
אַ בוים אַן ערנסטער, לכל הדעות;
באַדעקט מיט בלי̇ונג, ווי מיט רויטן וואַקס,
און בלעטעלעך ווי גרינע, קליינינקע מטבעות.

אַ שווּעלבל איבער אים, פלאַטערט אין געפלי,
באַטראַכט דאָס ביימל זײַטיק.
אָט איצט אין אָנהייב סיון —
די צײַט פון זײַן צעבלי,
זײַן פּרוכט ווערט אַרום ראש השנה צײַטיק.

דערווײַל —
פֿאַרוויקלט איז ער אין זײַן רויטן צווײַט,
ווי אַ שיפּל אין אַ רויטן זעגל
און ווי אַ פֿאָן וואָס פֿלאַטערט רויטע גרוסן.
די בליִונג, וואָס האָט אָפּגעבליט,
פֿון בוים זיך שיט און שיט —
אַ רויטער רעגן —
און פֿאַלט בײַ זײַן צופֿוסן.

אין סיון־טאָג
צײַטיקן די פֿײַגן
אויף די צווײַגן,
זיי גיסן אָן זיך מיטן סאָק
פֿון האָניק
און נאָך אַזאַ געמיש,
וואָס האָט גאַרנישט קיין נאָמען.
די פֿרוכט ווערט זאַפֿטיק־זיס
און גרייפֿלדיק באַלויכטן
אונטער זוניק־גרינע הויטן.

פֿון הימל פֿײַער שיט.
עס צײַטיקן די עפּל אין די סעדער.
אין פֿעלדער — רײַף דער קאָרן,
גרייט צום שניט.

סיון.
אויף איילבערטביימער
הייבן אָן אַרויסשפּראָצן אָליוון,
ווי האַרטע בעבעלעך גרין־העלע —
זיי צײַטיקן אין חודש אלול.

סעפּטעמבער

די גרינע
עסקאַדינע,
די צווײַגן שפּאַרט
צו מיר אין שויב.
מען האָט שוין לאַנג פון איר
די פּירות, די זיס־זויערע אַראָפּגענומען,
איצט פלאַטערט איבער איר אַ טויב
מיט פליגל־פּאַך, מיט פרומען.

סעפּטעמבער.
עס קנוילן נעפּלען, ווײַסע גלעמבעס.
דער מילגרוים־בוים,
ער בייגט זײַן יונגן קרוין —
זײַן קאָפּ
דעם גרינעם;
עס ציט דעם צווײַג, דעם דינעם,
אַראָפּ
אַ מילגרוים־פּרוכט, אַ גליִיק־רויטע,
אָט ווי די זון באַגינען.

דער עפּלבוים שטייט פול און אָנגעשאָטן
מיט עפּל צײַטיקע,
פאַררוקט אין טיפן שאָטן
פון די בלעטער.
אַ זון־שטראַל גיט אַ קלעטער,
קוקט אָן דעם וווּנדער,
ווי ס'נעמען פלוצלונג גלאַנצן עפּל רונדע —
פאַרשעמטע בעקעלעך פון קינדער.

אין זײַנע טיפע וואָרצלען בײַסט
אַ קראָט, אַ בלינדער.

האַרבסט אין עפּלסאָד

האָט מען שוין פון לאַנג די עפּל אָפּגעריסן
אין מײַן סאָד.
שטייען ביימער נאַקעט, גרין,
אָפּגעשמיסן.

טרעפט, אַז עס פאַרבלאָנדזשעט נאָך אַ בין —
זוכט אַוודאי סאָק —
איז קיין בליטן לאַנג ניטאָ;
בלעטער וועלקען, צווײַגן אײַנגעדאַרטע —
נאָך אַ ווינטערלאַנג צו וואַרטן...

איז אַוועק שוין אויך דער שומר
מיט זײַן ביידל, ביקס און טעפּל.
אַז עס שטייען ליידיק ביימער,
אַז עס איז ניטאָ קיין עפּל,
איז ניטאָ דאָך וואָס צום היטן.

שטייט דער סאָד פאַרוויקלט אין זײַן שווײַגן.
גיט ווען אַ ווינטל אַ רויש אין די צווײַגן,
פלוידערט מיט בלעטער האַלב רויטע,
האַלב טויטע
און טראָגט זיך אַוועק.

וויגן זיך ביימער, פאַרטיפט אין דעם וואַרעמען באָדן,
טראַכטן פון נעכטיקע טעג,
ווען זיי זענען מיט עפּל געווען באַלאָדן.

חמסין

חמסין.
דיביימער שטייען גרין.
דער מילגרוים אויפן צווײַג איז העל.
דער הימל — אַקוואַרעל;
נאָר אין מײַן זעל
אַ ליידיקייט אַזאַ
אָן אַ נאָמען, אָן אַ זין —
חמסין.

כ׳האָב הײַנט געטראָפן
אַ פייגעלע. איר שנעבעלע איז אָפן,
די פליגלען אירע פּאַכען פּאַך —
מידע און פאַרמאַטערט.
איך קוק איר נאָך,
איר שווימענדיקן פלאַטער
אין דער לופט;
ס׳איז קליין איר גוף,
אַ נעדעלע די דין
אין פלאַמיקן חמסין.

חמסין
פּילט־אויס דעם גאַנצן יקום.
אַ בין
האָט זיך אַרײַנגעמישט אין בלום
און נאָגט
דעם סאָק.
איר גייט נישט אָן דער הייסער טאָג,
פון בראַנדיקן חמסין זי וויל נישט וויסן.

בן־אָדם, לערן זיך פֿון בין
דעם האָניק צו גענים ען!
אויך אין די שווערע טעג,
ווען ס׳ווערט דײַן האַרץ
פֿון צער צעריסן.

גרויע פאַרטאָגן

גרויע פאַרטאָגן
פאַרדעקן מיט נעפּל די יונגינקע סעדער.
עס קלאַפּט ווי אַ וואָגן,
אויף אַספאַלטנע שטיינער
עס קײַקלען זיך רעדער.

זיי ציִען אַוועק זיך אויף מײַלן, די שליאַכן,
אַהינטער די בערג.
די פייגל דערוואַכן
און גיבן אַ לויב איצט אַפּ גאָט
פאַר זײַן ווערק.

דער הימל איז כמאַרנע, איז כמאַרנע,
עס שיילן, ווי הויטן, זיך אָפּ שוין די נעפּלען.
עס שוועבט דורך אַ סאַרנע,
אַ פּיקהאָלץ טוט קלעפּלען
דאָרט ווו אין אַ בוים, אין אַ סוק:
טוק-טוק!

אַליין אויף פּאַרטאָגיקע וועגן.
עס זעט זיך אַ סאָד און אַ הילצערנער פּלאַנקן
מיט טויִקער פּײַכטקייט פאַרצויגן.
דער נעפּל צערינט ווי אַ דין-דינער רעגן,
אַ שפּרייער —
ווי שווערע געדאַנקען.

עס עפנט דער טאָג זײַנע ליכטיקע אויגן
און קוקט אָן דעם גייער.

שפּין און פליג

אין בוים לעם מיר, וואָס גרינט,
האָט אויסגעשפּרייט זײַן נעץ אַ שפּין
און לויערט אויפן זיג —
אַ פעטע פליג.
עס רײַסט זיך פון געוועב
די פליג און זשומט אַ גוואַלד,
נאָר אַ פעדעמל, אַ געדאַנקעלע די גרעב,
האַלט זי, האַלט;
און איבער איר —
אַ שפּין אַ גרויער
אין געלויער.

איך שטיי, פאַרנעם דאָס אַנגסט-געזשום פון פליג —
די זשומענדיקע שרעק,
און פּלוצלונג כ'הער אין מיר
אַ קול, וואָס פרעגט:
ווי גראָב איז אָט די שטריק
וואָס האַלט געבונדן דיך צום נאָפּל פון דער ערד?
און ווער איז דער, וואָס וואַכט פון אויבן
אַריבער דיר מיט האַק פאַרהויבן
און וויל דײַן דינעם פאָדעם-לעבן
איבערהאַקן?

אָ, גאָט, זאָל ער ניט וואַגן!

שלאָף ניט!

די גרינקייט פאַרוויגט.
אַ פייגעלע שטייט
אויף דעם קרוין
פון דעם טאַפּאַל און פּיקט.

איז דען דאָ אַ מאָס
צו וועגן די גוטסקייט פון טעפּעכל־גראָז,
וואָס גייט אויף געראָטן
מיט פרייד?
אַ בוים איבער מיר, מיט צווײַגן צעשפּרייט,
גיט שאָטן,
גיט קילקייט אין פלאָם פון חמסין.

דער טאַפּאַל פאַרשפּיצט איז אין הויך,
אַ וואָלקנדל דין, ווי אַ רויך —
ער שווימט אום נאָך העכער.
דער הימל איז טיף
און איז בלאָ,
ווי דער דנאָ
פון אַ זילבערנעם בעכער.

דאָס טעפּעכל־גראָז ווערט אַ שיף,
וואָס וויל פון די היצן אַנטרינען.
איך וויג זיך אויף אים,
ווי אויף כוואַליעס, אויף גרינע,
אָט ווי אויף הויקער פון קעמל,
און ווער באַלד אַנדרעמלט.

אין חלום: אַ פייגעלע גרוים, ווי אַ פליג,
זי פּיקט מיר אין מוח און פּיקט:
שלאָף ניט, אברהמל!...

אַ שלאַנג

שפּעטנאַכט.
דער זייגער טיקעט
רויִק אויס זייַן גאַנג.
אַ שלאַנג
אין גראָז ליגט וואָך
און סיקעט.
דער בוים מיט עפּל
רייפט.
די שלאַנג — ווי איז זי דאָ פאַרקראָכן? —
הייבט אויף איר קעפּל
שטייַף —
אַ דרייַעק מיט אַ צעשפּאָלטן צינגל
(אפשר לעקט זי איצט די ראָסע?)

לבנה אויפן הימל — אַ צעבראָכן
קלינגל
פון אַ קאָסע —
זי קוקט אַראָפּ,
ווי גרייט צום אָפּשנייַדן דעם קאָפּ
פון שלאַנג —
דעם רשע.

נאָר פּלוצלונג, אָפּגעריסן האָט אַ שטערן זיך,
געטאָן אַ פאַל —
אַ ווייַסער פּאַס מיט ליכט —
אַ שטראַל.
די שלאַנג צוריק פאַרקריכט
אין שפּאַלט,
און איבער איר האָט זיך די נאַכט,
ווי אַ טירעלע, פאַרמאַכט.

נאָכן רעגן

געלאָזט האָט דער רעגן
ליוזקעלעך — זילבערנע שפּיגלען,
ווי ניקלנע שטייַגן.
איז לאָמיר די ווערטער פאַרזיגלען
און שווייַגן.

אַוועק איז דער רעגן,
נאָר אַלץ איז געבליבן פאַרטאָפּלט;
עס רינען פון בוים און פון צווייַגן
בריליאַנטענע טראָפּנס.
אַ ווערוויקל קלעטערט,
די זון לייַכט אַרייַן דורך די בלעטער —
דעם ווערוויק צוקאָפּן.

מײַן וואָרט איז הײַנט פּולער

מײַן וואָרט איז הײַנט פּולער,
מײַן וואָרט איז הײַנט גאַנצער:
מיט הויטן, מיט גרינע,
דאָס לאַנד האָט מיט יונגינקען
וואַלד זיך באַפּאַנצערט.

דו שפּאַן אין די בערג,
צי נידער אַראָפּ אין די טאָלן,
גיי לאָז זיך אַוועק קיין צפת;
זײַ עולה-לרגל קיין ירושלים, —
ווי גרינינקע שאָלן,
עס וויקלען זיך וועלדעלעך נײַע
וואָס זילבערן זוניק און גלאַנצן.

דו בענטש די ידים,
געבענטשט זאָלן זײַן אָט די פּלאַנצער,
וואָס גאַרטלען דאָס לאַנד
מיט אַ ביימערשן פּאַנצער,
זיי שנײַדן אויס וועגן
און טראָגן דאָס לאַנד, אויף
אַ פּליושענעם טאַץ דיר אַנטקעגן.

איך רו איצט אין וועלדל,
פון פּלאַמיקן דרויסן מיך שיצט ער.
עס דוכט, איך פאַרשטיי
און עס ווערט מיר נתגלה, —
דער פריילעכער פייגל-געשריי,
פון גראָז און פון ביימער די סודות.

פון אַלץ און פון אַלע,
גייט אויף אַט די ברכה
פאַר די וואָס טוען מלאכת־הקודש
און פלאַנצן — — —

מײַן וואָרט איז הײַנט פולער,
מײַן וואָרט איז הײַנט גאַנצער.

טויבן ביי דער סען

1962

אין האָטעל

די ווענט זענען באַמאָלט מיט אַקוואַרעל —
אין קליינעם צימער מײַנעם פון האָטעל,
און אויך מיט אײלפאַרב שרײַיִק רויט,
און פון סופיט, עס לאַכט מיט בלאַנקע ציין
אַראָפּ האַלב-פיש, האַלב-מויד;
אַ מלאכל, ווי אויסגעהאַקט פון שטיין,
האָט פליגעלעך פון צאַרטן פּוך;
מאַדאָנעס אײַנגעוויקלטע אין ווײַסן טוך —
זיי לײַכטן ברוין
אַראָפּ פון וואַנט;
אַ מלך אין אַ קרוין
און מיט אַ סצעפּטער אין זײַן האַנט,
ער קוקט מיך אָן דערשטוינט:
וואָס טוט ער דאָ?

מײַן בעל-הבית,
אַ ייִדל מיט אַ לאַנגער נאָז
און קורצער, שטײפער באָרד,
האָט מיר פאַרזיכערט אויף זײַן וואָרט:
אַז דאָ פאַרנומען האָט אַן אָרט,
חדשים דרײַ,
אַ קראַנקער מאָלער,
און נאָך זײַן פטירה —
די שמירערײַ
געלאָזן האָט ער אים שׂכר-דירה...

די שטאָט

א

פאַר טאָג. פּאַריז
פאַרוויקלט איז
אין טוי,
אַ נעפּלדיקער ים
פון גרוי.

איך ליג און הער,
עס קלינגען גלאָקן שוין פון נאָטרדאַם,
פון סאַקרעקער,
מתפלל זענען אַלע גלאָקן צו אַ טויטן גאָט.

עס וועקט זיך שוין די שטאָט
פון אונטער נעפּלען ווײַסע, קלאָרע,
אָט ווי אַ גרויסער בער פון נאָרע.

דאָ זענען אַלט די מויערן און שוואַרץ,
סאַקרעקער, דאָס הייליק האַרץ,
קלינגט דין און דין,
ווי עמעץ וואָלט איר קלאַנג פאַרבאַהאַלטן
אין האַרבסטיקן באַגין,
וואָס הייבט אָן לאַנגזאַם העלן.

פון געזימסן די געשטאַלטן
און געמעלן
אין די נישעס, ווי אין שטײַגן,
פאַרשטיינערט שווײַגן
און קוקן ווי פאַרוווּנדערט
אויפן הײַנטיקן יאָרהונדערט.

ב

אַ קירכע טוט שלאָגן
מיט טעמפּע קלעפּ
אין פרַיען קאַיאַר.
באַגינען נעמט טאָגן
אויף הילצערנע טרעפּ
אין מײַן קאָרידאָר.

אַ רעגן אַ דינער,
ער פאַלט אַזוי ווייך,
ווי ער וויל באַגריסן.
אַ בוים, אַ טיף גרינער —
זײַן קרוין אין דער הייך
שטייט פאַררריסן.

די סען — אין איר בעקן —
אַ שטראָמיקע פליסט
און האַלט זיך אין יאָגן.
עס נעמט זיך שוין וועקן
דאָס פאָלק פון פּאַריז
אין די גרויע פאַרטאָגן.

ס׳צעוויגן זיך גלאָקן
אין אַ קאַטעדראַל
מיט דינע גלין־גלאָנען.
די אויטאָס זיך יאָגן —
עס נעמט זיך שוין וועקן
די שטאָט פון מיליאָנען.

מאַנמאַרט

ס'איז האַרבסט אויף מאַנמאַרט.
דער ווינט די בלעטער פאַרשאַרט
און פאַרקערט.
די מאָלערס, מיט בערד און אָן בערד —
זיי מאָלן
מיט אײלפאַרב, פּאַסטעל און מיט קרײַד
די קלויסטערנע שפּיצן, קופּאָלן;
אַ לאָבוזל רײַט
אויף אַ קאַץ.
דערנעבן —
אַ קאָפּ פון אַ מאַן.
עס רייצט אַ כינעזישע טאַץ
מיט פרוכטן אַ פולע —
שטיללעבן.

אַ נאַקעטע בתולה
אויף אַ רויטן דיוואַן,
אירע קניִען פאַרבויגן,
און ווי אַ מאַדאָנע,
זי גלאָצט מיט הייליקע אויגן,
מיט גרינע;
עס לייכט זיך אַ בלויע וואַזאָנע
מיט בלעטעלעך דינע
און צאַרט.

מאָנמאַרט.
דער ווינט די בלעטער פאַרשאַרט
און פאַרקערט.

די מאַלערס מאָלן.

עס קוקט פון די הויכן אַראָפּ סאַקרעקער,
מיט באַגילדטע קופּאָלן
און קופּערנע פערד.

די קופּערנע רײַטער —
זיי קוקן מיט צאָרן
מיט בלינדן
שוין יאָרן:
ווי גערן זיי וואָלטן
פאַרשיקט אויפן שײַטער
דאָס גאַנצע געזינדל...

סאַקרעקער

ווי אַ בער
אויף אַ קאַרק —
רײַט סאַקרעקער
אויפֿן באַרג.
שאַרף דער קופּאָל,
ווי אַ שפּיז —
ער הייבט זיך אַריבער פּאַריז,
וואָס ליגט ווי פֿאַרטיפֿט אין אַ טאָל,
ווי ס׳וואָלט זי פֿאַרשליידערט אַ שטורעם.

פֿון ווײַטן — דער אייפֿעל־טורעם
פֿון אייזן, בעטאָן און פֿון שטאָל,
אַריבער די דעכער און שטיינערנע ווענט, —
דערלאַנגען זיך ביידע די הענט.

טויבן בײַ דער סען

ניט זאָט כ׳ווער צו זען —
ווי רויִק שפּאַצירן די טויבן בײַ דער סען.

דער שפּײַזער — איז גאָט,
אַ לויב צו זײַן גאָב!
נאָר ס׳טרעפט: אַ מענטש גיט אַ שאָט
אַ הײַפעלע גרויפּן,
אַ ביסל צעמאָלענעם באָב.
דאַן גיבן אַ פלאַטער די טויבן,
פון אויבן,
פון דעכער, פון הײַזער,
פון ווענט
און רינגלען אַרום זייער שפּײַזער,
זיי פּיקן אים גלײַך פון די הענט.
אַ דזשאָב מיטן שנעבל
אַ בעבל,
אַ שטיקעלע ברויט —
צי גרײַפּלעך אַ לויט.

דער מאַן איז באַגײַסטערט:
אַ פאַרביקער פּעכער! —
די טויבן אַלץ דרייסטער,
אַלץ פרעכער.
זיי האָבן באַדעקט שוין דעם מענטש
פון קאָפּ ביז די פיס —
די טויבן, די ווײַסע
בײַ דער סען אין פּאַריז.

אַ מאַדאָנע

יונג איז זי, און בלאָנד, און שיין,
עס רייצט אַזוי איר זינגענדיקער גיין,
און דער באַוועג פון אירע רונדע היפּטן.
די דורכגייער — פאַרבליפטע —
קוקן איר מיט שטוינונג נאָך.
ניט איינעם גיט אין האַרץ אַ שטאָך
פון ליַידנשאַפט און שרעק; —
ווי גריַילעך וואָלט ער ווו מיט איר אַוועק
פון אָט דער גאַס, וואָס ציט זיך לאַנג,
און אויך פון די, וואָס קוקן נאָך איר גאַנג.

נאָר זי — זי גייט און גייט,
ווי גאָרנישט וואָלט געשען.
זי שטעלט זיך אָפּ און וואַרפט אַ קוק —
ווי שטיל עס שטראָמט די סען.
אַן אויטאָ לויפט אַדורך, אַ וואָגן קלאַפּט
אין ברוק;
עס שמעקט פון טראָטואַר מיט הינטישער השתנה.
זי שטייט און דער פּראָפיל אירער פאַרכאַפּט —
עלהיי, עס קוקט צום טיַיך אַראָפּ
אַ הייליקע מאַדאָנע...
געטאָקט איר נעזל, דאָס געזיכט איז פריש
און צאַרט,
די ליפּן — פול און רייף.

נאָר אָט — אַ יונג איז נאָנט לעם איר פאַרבײַ,
דערלאַנגט אַ פײַף,
און קוקט זי אָן, מיט אויגן פרעך
און ווילד
פון אונטער הוט זײַנעם דעם פראָסטן.
עס דוכט: ער האָט אַ הייליקייט
פאַרשוועכט.
נאָר זי — זי שמייכלט מילד
און פליסטערט היים:
עס וועט קיין סך ניט קאָסטן...

און גיי און וויים:
דעם גאַנצן יונגן לײַב
און זינגענדיקן גאַנג,
זי שענקט אַוועק פאַר פופצן נײַע פראַנק.

אויפֿן ים

א

מיט אויסגעפּרעסטע הויזן,
אין קראָכמאַל־שטײַפֿע העמדער —
איך אײנער דריי זיך דאָ
אַרום אַ פֿרעמדער.

מען רעדט, מען לאַכט,
מען וואַרפֿט מיט פֿוילע וויצלעך,
דער ים שמײַסט עס אַוועק
מיט זילבערדיקע שפּריצלעך.

ווען ס׳גיט אָבער די שיף
אַ בייג זיך טיף און טיפֿער,
דאַן ווערט דער שמייכל
גיך אויפֿן ליפּ פֿאַרגליווערט.

ווען ס׳גלײַכט זיך אויס די שיף
און שווימט זיך רויִק ווײַטער, —
צוריק די פֿאַרב אין באַק,
צוריק דאָס אויג — געלײַטערט.

ב

אין רויש פון ים
איז דאָ אַ רמז:
דו ביסט פֿאַראַן,
ביסט כולו אמת.

אין פּאַטש פון גל,
אין קנייטש פון כוואַליע;
ווערסטו מיר פון
דאָס ניי נתגלה.

אין קלענסטן ווונק
וואָס עפנט תהומען, —
איך זע דיין ווונק,
איך פיל דיין נאָמען.

ג

וואַסער, וואַסער, וואַסער,
ווו דאָס אויג קען גרייכן.
ס'ליגט דער ים צעכוואַליעט,
ווי ער וואָלט געשמייכלט.

ס'ווערן נאָנט די ווייטן,
ווייטן, ווערן נאָנטן.
נעם טאַפּ אָן דעם הימל,
גלעט די האָריזאָנטן.

אָפּגעוווישט מרחקים,
ים צום הימל נענטער.
ווו דו וואַרפסט אַ בליק נאָר —
אונדזער שיף אין צענטער.

ד

פאַרנאַכט. עס שווימט די שיף
צו ערגעץ ווו;
דער ים איז אומרויִק, און אויך
מײַן האַרץ האָט ניט קיין רו.

דער הימל שוואַרץ,
דער ים ליגט פינצטער, גרין.
עס שווימט די שיף פאָרויס,
פאָרויס, וווהין?

איך פרעג גאָרניט,
עלהיי איך בין אַ גר;
זאָל זײַן אַ שטורעם האָט פאַרטראָגן
מיך אַהער.

זאָל דוכטן, ס׳שווימט די שיף
גאָר אָן אַ ציל
און איך — אַ צושויער
צום וווּנדערלעכן שפּיל:

אַ וואַנט, אַ גלעזערנע
הייבט אויף זי צו דעם רוים,
און פאַלט, צעשפּריצט זיך
אין מיליאָנען טראָפּנס שוים —

אַ פאָרהאַנג אַ בריליאַנטענער
פון זילבער און בורשטין...
און ווידער — גלאַט דער ים,
און ווידער — פינצטער, גרין.

יאָשע בער

יאָשע־בער

(פון קיבוצישן שטייגער לעבן)

א

...ליגט דער קיבוץ אויפן בערגל אויסגעשאָטן,
רינגלט אים אַרום אַ צוים מיט שטעכעדיקע דראָטן.
הויכע סאָסנעס וואַקסן בײַ די ראַנדן,
און אין הויף — שטיבלעך מיט וועראַנדעס,
הײַזעלעך פון האָלץ און ווינונגען פון שטיינער,
ווענטלעך פון דיקט, מיט שײַבעלעך מיט קליינע.
און אין מיטן, ווי אַ ריז אַ הויכער,
ליגט צעלייגט דער גרויסער חדר־האוכל,
ווי צווישן קינדערלעך אַ טאַטע.
ליגט ער אויסגעשפּרייט אויף מעטערס הונדערטער,
קוואַדראַטן.
רינגלען אים אַרום, ווי טעפּעכער, די גראָזן.
אויפן פלאַכן דאַך, וואָס איז פון אַספאַלט אויסגעגאָסן —
גוט איז אין די אָוונטן שפּאַצירן,
קוקן, קוקן ווי דאָס אויג קען פירן.
שפּרייטן זיך אַרום די ווייטן און די נאָענטן.
זע, עס קושט די ערד זיך מיט די האָריזאָנטן,
זע, די בערג־יהודה וויקלען זיך אין נעפּל.
רונד אַרום די בליִענדיקע דערפער ליגן סטעפּעס.
ווי אַ פּוס אַ ייִדישער האָט נאָר באַטראָטן,
איז אויפגעגאַנגען גאָרטן־גרינס און פעלד געראָטן —
פון אונדזער שוויים און מי אַרויסגעוואַקסן.

ווויל דיר, חלוץ, ווויל דיר, עקשן!
זײַ געשטאַרקט און זײַ געמוטיקט.
דײַן מידער טראָט האָט אויף דער ערד געבלוטיקט;
דײַן שוויים אויף איר, ווי טוי, געפאַלן איז

דורך טעג און וואָכן,
און איצט — פאַר דורות טראָגט זי ברכה.
פאַר די וואָס זענען דאָ, פאַר די וואָס וועלן קומען, —
זי ליגט דאָ, אָט די ערד, אַ מעוברתע און שטומע.
אַ יעדעס גרעזל איז אין טוי געבאָדן
מיט ברכה און מיט ליבשאַפט אויפגעגאַנגען.
דו נייג דײַן אויער, וועסטו הערן די געזאַנגען,
וואָס טראָגן זיך אין אָוונט און צעשפּרייטן
אַריבער פעלדער ייִדישע און ברייטע.

דו גייסט אַראָפּ צוריק פון דאַך, פון אויבן,
אַן אָנגעגאַרטלטער מיט טיפן גלויבן:
אַז דאָ וועט זײַן, וועט אויפגיין און געדייַען
אַ פריידיק, מוטיק לעבן גאָר אַ נײַער,
מיט האָפענונגען גרינע — — —

דער אָוונט אויפן בערגל ליגט — אַן איידעלע נגינה.
אַרום די קינדערלעך, פאַרשפּילט אין אָוונט,
מיט זאַמד און לופטבאַלאָנען,
די נאַכט זי לאָזט אַראָפּ דאָ, ווי אַ סאָווע,
און וואָלקנדלעך צעהענגט, ווי רויטע פאָנען,
אַראָפּ-צו ווײַט, בײַם ברעג פון אָנגעגליטן מערב,
און צינדט דאָרט אָן פון ים דעם זילבער.

עס ליגט דער קיבוץ אויפן בערגל אויסגעשאָטן
מיט סעדער און מיט ווײַבער און מיט קינדער,
פון זון פאַרסמאַליעט, אָפּגעברענט און אויסגעבראָטן
און אויסגעשמיסן פון די הייסע ווינטן.

די יונגען, פעסטע, ווי די דעמבעס
און ווי סאָסנעס,
פון אַלע וועלט-טיילן אַהער געקומען.

עס וואַקסן אויך דאָ קינדערלעך נישקשה —
ווי ווּנדערבאַרע נאָך פאַרמאַכטע בלומען.

די ייִנגעלעך — די קעפּ אַרומגעשאָרן,
די מיידעלעך — די האָר פאַרפלאָכטן אין אַ צעפּל.
עס שטייען איבער זיי פרימאָרגנס קלאָרע,
עס ציט זיך זוניק זייער לעבן

לעם טאַטע־מאַמע, לערער, שול און צימער,
אויף פרײַ פון פעלד, אויף הפקר פון די ווינטן.
זיי וואַקסן דאָ, פרישינקע ווי בלימלעך
אין יונגינקע, אין ייִדישע געזינדן.

דער קיבוץ — ווי איין מענטש, ווי איין משפחה,
צוזאַמען שטייט מען אויף דעם טאָג באַגריסן,
צוזאַמען פון די פעלדער פירט מען אָפּ די ברכה,
צוזאַמען אויך... חלילה, וואָס באַשערט איז.

צוזאַמען אין אַ פרייד, צוזאַמען טאַנצט מען הורה,
צוזאַמען אויך ווען ס׳טרעפט געפאַרן.
דאָך יעדערער פאַר זיך טראָגט אויס זײַן גורל,
אויף יעדערן באַזונדער לויערן די גזרן.

אַז ס׳פאַלט אַ מענטש אַוועק, ער פאַלט אַרויסעט
(אָ, זאָל אַזוי ניט זײַן ווי עס טוט טרעפן).
דעם ווייטיק זײַנעם טראָגט אַליין ער אויסעט,
ווי ס׳טראָגט אַ פאַסטעך אום זײַן חולה שעפּל.

און כאָטש ס׳איז קיבוץ, שותּפותדיק און אַלץ צוזאַמען,
דאָך איינזאַם בלײַבט דער מענטש פאַרשלאָסן אין זײַן טרויער,
וואָס טוט אין האַרצן זיך אַ מאָל צעפלאַמען —
אַ פּשוטער, אַ וואָכיקער, אַ גרויער...

איז יאָשע־בער מיט אַלעמען אַ פריילעכער אין יאָך געגאַנגען,
דאָך שפּאַנענדיק האָט עפּעס זיך אין אים צעבראָכן,
און ווי אַ וואָלקן, ווי אַ שווערער, איז דער גורל איבער אים
געהאָנגען —
געוואָרנט און געפּאָכעט.

ב

ס׳איז יאָשע־בער, אַהער —
געקומען פון די ערשטע,
האָט אויפגעשטעלט
אַ צעלט,
אַ דאַך;
געקאַרטשעוועט די ערד
פאַר קוקורוזע, גערשטן —
געוואָרן אַ פעלאַך.

דאָס בערגל איז נאָך דאַן געווען באַוואַקסן און באַזעסן
פון אייקאַליפּטוס־ביימער, עקדישן און שלענג.
נאָך שווערער מי האָט מען אַ סקאָרינקע געגעסן —
און אין די אָוונטן געבענקט.

עס האָט צוריק געצויגן אַהין, צו טאַטע־מאַמע,
צו שטוב, צו היימישער, צו אייגן בעט.
און דאָ האָט מען געקאָרטשעוועט די שטאַמען
און ניט דערעסן צו דער זעט.

געגאַנגען ברעגגען וואַסער — איז מען קילאָמעטערס,
מיט בלעך, מיט פּח, מיט קרוג.
געוואַרעמט האָט די האָפענונג, אַז שפּעטער —
וועט וואַסער זײַן גענוג, גענוג.

געוואַרעמט האָט די האָפענונג... דערווײַלע
געפאַלן איז מען, ווי די שטיינער, מיד.
דער הייסער טאָג האָט דווקא ניט געאײַלט זיך,
די זון — אכזריותדיק האָט זי געבריט.

מען האָט געקאַרטשעוועט, געריסן ביימער,
וואָס זענען דאָ געוואַקסן הונדערט יאָר,
איז ביי דער אַרבעט גוט געווען צו טרוימען
וועגן קומענדיקן דור...

די טעג — פאַר מי, די אָוונטן — צעזונגען,
אַזוי ביז שפּעט אין טיפער נאַכט
האָבן אַרייַנגעטאַנצט די יונגען,
און מיט זיי — יאָשע־בער־פעלאַך.

עס רעדט זיך נאָר אַזוי: „פעלאַך" — דער נאָמען
געבליבן איז אים פאַר זייַן גלוסט;
ווייַל ניטאָ איז נאָך קיין פעלד, קיין זאָמען,
פאַרוויקלט איז נאָך אַלץ און אומבאַוווּסט.

נאָר אים, נאָר יאָשע־בערן האָט געצויגן
צום אַקער און צום אויפרייַסן אַ בייט,
די ווּיסטע ערד האָט אים געבריט די אויגן,
מיט ליבשאַפט האָט ער צום פאַרזיי געגרייט.

איז קאַרטשעט מען די ביימער, מען פאַרוועט זיך
ווער וועט פריִער? און די אַרבעט ברענט.
עס פאַלט אַ בוים, דאַן ווערט אַ פרייַער שטח,
עס פאַלט אַ בוים מיט צווייַגן, ווי מיט הענט

און ציט זיך אוים מיט שטאָם און קרוין,
ער בלייַבט אַזוי... עס ליגט אַ גרינער מת.
די חברה קוקן אָן זיך און זיי שטוינען:
כולו נס!

עס פאַלט אַ בוים. נאָר ווער האָט צײַט צום קלערן?
מען דאַרף אַרומהאַקן ס׳געצווײַג,
דער דיקער שטאַם — אַ באַלקן וועט ער ווערן,
דער דינער צווײַג — וועט פלאַקערן אין פלאַם.

די שלאַנגען קריכן פון די טיפע נאָרעס,
עס קריכן יאַשטשערקעס און עקדישן און מײַז.
מען זעגט דעם בוים, מען שיילט זײַן קאָרע,
געלעכטער קלינגט, און האַק און אײַזן.

און יאָשע־בער פּאַרפּאָרעט, אַ צעהעלטער,
ער קלאַפּט אין דר׳ערד אַ סלופּ אַרײַן:
חלוצימלעך, מיר וועלן אויפשטעלן דאָ געצעלטן,
און היימלעכער און פרייִלעכער וועט זײַן.

די אייקאַליפּטוס־וואָרצלען שטעקן טיפע,
פּאַרפּלאָנטערטע, ווי שטריק, און אָנגעקוועלט;
מיט יעדער טאָג קומט צו אַ נײַער צריפּל,
מיט יעדער טאָג קומט צו אַ נײַ געצעלט.

דער ישוב וואַקסט, צעשפּרייט זיך אויפן בערגל,
עקשנותדיק מי, עקשנותדיקע טריט:
הלוואַי זאָל ווײַטער ניט גיין ערגער —
די אַרבעט אונטער יונגע הענט, זי בריט.

און אין די אָוונטן עס זינגט זיך אַזוי האַרציק,
גאָר ווײַט און ברייט הילכט אָפּעט דאָס געזאַנג,
פאַרטרייבט מחשבות נאָגענדיקע שוואַרצע,
וואָס קלעמען דאָס געמיט, ווי מיט אַ צוואַנג.

ג

די שיפן קומען אָן צו יפוער ברעגן.
סירענעס רעווען, רעווען אין פאַרטאָג.
פון אומעטום צו אונדז זיך ציִען וועגן.
איז וואָס־זשע קלאָגט איר דאָרט סירענעס? זאָגט!
אפשר אויף די שיפן אונטערוועגנס,
וואָס שטורעם האָט זיי צו אַן אַנדער ברעג פאַריאָגט?

עס קומען אָן פאַרבענקט די יונגען, מיידן,
מיט פּעקלעך, מיט וואַליזקעלעך און זעק,
און מיט אַ פולע האַרץ אַ פריידיקס:
אַראָפּגעוואָרפן יענע אומעטיקע שטעטלדיקע טעג,
ווי גוט געווען איז זיך מיט זיי צו שיידן
דאָ, בײַם ימיש גרויסן ברעג.

זיי קוקן אָן פאַרבענקט די יפוער ברעגן,
זיי קוקן נאָך די שווימענדיקע שיף,
וואָס יאָמערט, ווי זי וואָלט זיך אָפּגעזעגנט
מיט מענטש, מיט וועלט און לאָזט זיך אין דער טיף.
אַליין דערפילט מען זיך אַ ביסל עלנט —
מען לאָזט זיך אָפּפירן קיין תל־אביב.

אויף תל־אביבער גאַסן שפּאַנט מען, ווי פאַרשווערער,
ניט איינעם ציט דער דרויסנדיקער פוץ;
מען ווערט אַ שנײַדער דאָרט, אַ שוסטערל, אַ שערער.
אַ פערטער גייט אַוועק גאָר אין קיבוץ:
אַוודאי זײַן וועט דאָרטן שווערער,
עס לאָקט אָבער דער נאָמען — החלוץ...

איז וווּ עס גייט קיין עמק, קיין גליל, קיין יהודה.
פֿאַראַן איז דאָרט אַזוי פֿיל וואָס צום טאָן;
אויפֿרײַסן די בתולה־ערד אין גרודעס,
אָנהייבן אַליין פֿון בראשית־אָן.
דער מאַלצייט אָרעמער — אַ סעודה,
די שווערע האָרעוואַניע — אַ פּלאַטערדיקע פֿאָן.

אויך אויפֿן בערגל זענען צוגעקומען
די נײַע חברה, יונג מיט מוט און פֿרייד —
געוועזענע אין דאָמבראָוויצע, קלאָסאָוו, גיעמען;* —
דאָרט צו דעם נײַעם לעבן זיך געגרייט.
מען האָט דעם שווערן יאָך פֿאַר ליב גענומען,
מיט אַלעמען געגעסן דאָס פֿאַרהאָרעוועטע ברויט.

עס ווערט פֿון טאָג צו טאָג דער קיבוץ אויפֿגערודערט:
מען בויט שוין הײַזער און מען פֿלאַנצט אַ סאָד.
אַ חבר מיט אַ חבר ווערט פֿאַרברודערט,
צוזאַמען — ריטמיש קלאַפּט דעם חלוצים טראָט.
בײַ נאַכט עס קלינגען לידער איבער פֿעלדער פֿון יהודה,
וואָס אויפֿגעגאַנגען איז מיט בענטשענדיקער גאָב.

אַ ברונעם גראָבט מען — און צו וואַסער זיך דערגראָבן,
וואָס שפּאַרט דורך רערן און דורך קראַנען — עלהיי אַ פּלומפּ.
פֿאַרוואָרלאָזטקייט פֿון דורות האָט מען אָפּגעשאָבן.
עס יאָגן קינדערלעך זיך פֿריילעכע אַרום.

* נעמען פֿון הכשרה־קיבוצים אין פּוילן.

בײַ שטיבעלעך עם וואַקסן גראָז־טעפּעכער־קוואַדראַטן,
און יונגע ביימעלעך אויך אײַנגעפּלאַנצט.
עס מערן זיך דאָ יונגע טאַטעס
און מאַמעס פרישינקע עס האָבן זיך צעגלאַנצט.
אָ, זאָל חלילה קיין עין־הרע זיי ניט שאַטן —
צעוואַרעמטע אין קיך, צעפײַערטע בײַם טאַנץ.

און אויפן בערגל, ביז גאָר שפּעט אין אָוונט,
מען ליבט זיך אויפן גראָז דאָרטן, מען ליבט...
די שטערן אויפן הימל לעשן זיך און צינדן,
צעשטאָכן איז די שוואַרצקייט, ווי אַ זיפּ.
אַ שטערן צינדט זיך אָן, מעטעאָרן — שווינדן
אין אין־סופיקן געפליִ.

מען האָט זיך צוגעווױנט און זיך דערנענטערט,
עס האָט אַ הארץ — אַ צווייטע הארץ באַגריסט;
פון שטעט פאַרשיידענע, פון פרעמדע לענדער,
מרחקים זענען דאָ געוואָרן אָפּגעווישט.
די צוקונפט האָט אַ פריידיקע געבלענדעט
און אָפּגעפרישט.

עס האָבן זיך געמערט די יונגינקע משפּחות,
און זויגקינדער בײַ נאַכט האָבן געוויינט.
פאַרשלעפערט האָט מען זיי מיט קושן און מיט ברכות,
אָבער פון דער מאַמעס מילך פרי זיי אָפּגעוויינט.
ווײַל אויך די פרויען נעמען אויף זיך שווערע יאָכן,
און מיט די מענער צו דער אַרבעט גיין.

מיט זיי צו גלײַך אין סעדער און אין פעלדער
מען האָרעוועט אין גאָרטן-גרינס, אין פלאָם פון זון,
אין ווינטערדיקע רעגנס און אין קעלטן, —
האָבן מאַמעס ניט קיין צײַט פאַר אַ טאָכטער, פאַר אַ זון.
דאָך אָן דער מאַמעס מילך האָבן געהאָדעוועט זיך העלדן,
געוואַקסן זענען קינדער פעסטע און געזונט.

מיט בלאָנדע קעפּלעך, מיט שוואַרצע, געלע,
מיט הענט און פיסעלעך, ווי אויסגעקנאָטענע פון טייג,
געזיכטן ליכטיקע און אויגן בלויע, העלע,
און יעדער קינד — בײַ אַלעמען דאָס אויג:
אָ, קיינער זאָל ניט קראַנק זיין, קיינער זאָל ניט פעלן,
חלילה, ווי אַ גרעזל, זיך ניט געבן אַ פאַרבויג.

ד

נאַר ער,
יאָשע־בער,
געבליבן איז אַליין מיט גבורה אָנגעלאָדן
און מיט אַ לײַכט געמיט —
אַ טראַקטאָריסט, ער רײַסט דעם באָדן
וואָס האָט ביז איצט איר בתולהשאַפט פאַרהיט.

אין אָוונט קומט ער אַ פאַרשטויבטער פון די וועגן,
עס טראָגט פון אים בענזין, מאַזוט און ווינט.
אַ שוואַרצקייט אַזאַ שטענדיקע פאַרבלײַבט אים אונטער נעגל.
כאָטש ער שינדט זיי ביזן הויט און שינדט,
דאָך שטענדיק אונטער זיי געבליבן פּאַסיקלעך מיט ברוד,
כאָטש מיט אַ בריטוועלע ער שנײַדט אין הויט ביז בלוט.

זײַן פּנים ברוין, פאַרברוינט פון זון און ווינט,
די הויט איז ערטערווייז געשפּאָלטן;
זײַן קוטשמע האָר פאַרקאָטשעט איז אויף הינטן,
דאָס בערדעלע — צעקנאָדערט ווי אַ קאָלטן.

ער האָט אַ בערדעלע די לעצטע צײַט פאַרלאָזן,
(כאָטש אַלע גייען דאָ ביז הויט געגאָלט).
אַ בערדעלע אַ בלאָנדע — יונגע אָפּגעוועלקטע גראָזן,
וואָס האָט זיך וואַקסן זיי פאַרוואָלט.

אַ יונג מיט ביינער איז ער, יאָשע־בער,
אַ יונג מיט ביינער ברייטע און געזונטע.
עס שפּאַרט פון אים אַרויס די פרייד צום לעבן,
ווי ווײַן עס שפּאַרט פון אָפענע שפּונטן.

ווען נאָכן טוש ער קומט אין עסצימער אַרײַן,
וואָס פול מיט רעש און רויך פון די סיגאַרן —
איז ווי מיט אים עס וואָלט אַרײַן אַ שײַן,
ווי אַלע וואָלטן אויף אים האַרן.

אַ גאַנצן טאָג אין רויש פון טראַקטאָרישן גיי,
אין ווירבל פון דעם שטויב, אין ריח פון בענזין.
אין אָוונט — זיצונגען מיט ליאַרעם און געשריי
און צו דער אַרבעט ווידער אין באַגין...

און קיין מאָל האָט ער ניט דערלאַנגט אַ קלער,
און ניט געגעבן זיך אַליין אַ פרעג:
וווּ לויפן דײַנע יאָרן, יאָשע־בער,
וווּ לויפן דײַנע טעג?

זײַן גאַנג אַליין געווען איז ציל,
און ערגעץ ווערט מען גייענדיק דערגרייכן:
אַ חלוץ, חברל, איז ניט קיין שפּיל —
פלעגט ער אַ וויצל־טאָן זיך מיט אַ שמייכל.

אין אָוונט ווען אַ מיידל בלייך,
איר האַרץ און לייב האָט אָנגעטרויט אים,
האָט ער אַרומגעהאַלדזט איר צאַרט און ווייך
און אויסגעקושט די אויגן אירע בלויע.

אויף מאָרגן פרי, שוין ווידער אין געיעג,
מיט טראַקטאָרישן רויש, מיט קלימפּערדיקן אײַזן:
עס גייען, ברודערל, איצט הייסע טעג,
מען מוז, מען מוז וואָס מער באַווײַזן.

און ניט געדענקט האָט ער אַליין,
צו וועמען האָט ער עס פּאַרטיילט די קושן?
אַ מענטש איז דאָך, חלילה, ניט קיין שטיין,
דאָס איבעריקע — הוילע שטותן...

ניט איין מאָל אין די אָוונטן, ביַי זיך אין צעלט,
געפינען פלעגט ער אויפגערוימט, און בלומען,
וואָס האָבן אויפן פּראָסטן טיש געהעלט —
ווען ער איז מיד צו זיך אַריַינגעקומען.

נאָר ער — אַ וואָרף געטאָן זיך אויפן בעט
און ניט באַמערקט די שיינע רויזן,
וואָס האָבן וועגן זיך אַליין גערעדט,
און פון די הענט, וואָס האָבן דאָ געבראַכט זיי.

און ווען ער וואָלט גענייגט אַן אויער און געהערט,
און ווען ער וואָלט זיי גוט באַטראַכטן,
דערזען וואָלט ער: ווי טוי אַ ציטערדיקע טרער,
אין אָט די וויַיסע בלעטעלעך, די צוגעמאַכטע,

וואָס מיידל־הענט מיט זאָרג האָבן געריסן,
געדריקט צום האַרץ און צו דעם רייפן בוזעם,
דערנאָך — געהיים אַוועקגעשטעלט זיי אויפן טיש,
ווי אומבאַקאַנטע, וויַיטע גרוסן...

נאָר ער, נאָר אונדזער יאָשע־בער,
פאַריאָגט געווען איז מיטן נייַעם לעבן.
ער האָט געקושט אַ סך, נו מוז ער וויסן ווער
עס האָט מיט ליבשאַפט זיך אים אָפּגעגעבן?

דער טאָג לויפט אין געאײַל, דער טאָג לויפט אין געוועט.
אַזוי פיל איז צו טאָן, אַזוי פיל איז פאַראַנען;
די פעלדער ליגן, וואַרטן מיט געבעט
אויף אַקערישן רים, אויף טראַקטאָרישן שפּאַנען.

ניטאָ קיין צײַט פאַר חיהלען, פאַר רבקהלען, פאַר נאָך —
די טעכטער אָט די טײַערע און צאַרטע בלומען
(אויף פּים און הענט עס וואַרט דער יאָך),
געבענטשט זאָל זײַן אין אָוונט זייער קומען.

נאָר מערער ניט, אויף מאָרגן — ער פאַרגעסט,
עס שלינגט אים אײַן דער ווינט, דאָס פעלד, דער טראַקטאָר.
ער לאָזט אַוועק זיך מיט דער וויסטע אין פאַרמעסט,
אַנטקעגן כוחות מידברשע וואָגט ער.

נאָר קעגן זיך אַליין, פאַר זיך אַליין אַ היים —
פאַרגעסט ער, יאָשע־בער, צו בויען.
די יאָרן לויפן און ער בלײַבט אַליין,
די שלייפן לאַנגזאַם הייבן אָן צו גרויען.

די הייקעס און די רבקהס זענען מאַמעס שוין פון לאַנג,
מיט קינדערלעך וואָס גייען אויף מיט ברכה.
נאָר ער, נאָר יאָשע־בער, ער גייט זיך אַלץ זײַן גאַנג:
— דער קיבוץ — זאָגט ער — איז דאָך איין משפּחה.

איז יעדער קינד מיר ליב, איז יעדער קינד — מײַן קינד.
אַ מענטש אַזאַ איז ער, אַזאַ כאַראַקטער.
אויף מאָרגן, שלינגט אים ווידער אײַן דאָס פעלד, דער ווינט,
אויף מאָרגן שלינגט אים אײַן דער טראַקטאָר.

עס רײַבן רעדער זיך, עס קריצט די קייט.
אַ שטויב פֿאַרויס, אַ שטויב גייט נאָך פֿון הינטן.
דער טראַקטאָר שווימט, עס רוישט זײַן אינגעווייד,
וואָס איז מיט רעדעלעך מיט אײַזערנע פֿאַרבונדן.

דער טראַקטאָר לאָזט אַראָפּ זיך אין אַ טאָל,
און שווימט אַרויס צוריק אויף פֿלאַכע הויכן;
פֿון ווײַטן יאָגט אים נאָך אַ מיידל-קול,
עס יאָגט אים נאָך און קען אים ניט דערגרייכן.

דעם מיטאָג האָט זי אים אַרויסגעבראַכט אין פֿעלד,
אין טעפּעלעך, אין טעלערלעך פֿאַרבונדן;
ער זעט איר דורכן נעפּלשטויב און קוועלט,
און ס׳ווײַסן זײַנע ציינער זיך געזונטע.

ער שטעלט זיך אָפּ... פּאַך-פּאַך... פּאַך-פּאַך...
און דעם מאָטאָר מיט אימפּעט אויסגעלאָשן.
דאָס מיידל שטייט פֿון ווײַטן און זי לאַכט:
— אוי, יאָשע-בער! דאָס עסן קאַלט ווערט דאָך, אוי, יאָשע!

— ס׳וועט גוט זײַן, רחלע, ס׳איז שוין גוט,
אַ ברכה דיר אין דײַנע זיסע ביינער! —
דער טראַקטאָר רוט, און יאָשע-בער, ער רוט —
און קייט דאָס פֿלייש מיט זײַנע שטאַרקע ציינער.

ה

ס׳איז אַלץ געווען נאָך דאַן אין אָנהייב פונעם גאַנג,
ווען ס׳האָט דאָס בערגל אָנגעהויבן בליִען:
עם האָבן הײַזעלעך געשפרייט זיך ווי געזאַנג,
אויף דונאַמס הונדערטער האָבן סעדער זיך גענומען ציִען.

פון דאַן ביז הײַנט איז ווײַט... אַהין
עם ציִען אוים זיך לאַנגע, ווײַטע וועגן.
עם זענען זומערן אַדורך מיט פלאַמיקן חמסין
און ווינטערן — מיט פּאַטשנדיקע רעגנס —

געשוווּנקט האָבן דעם באַרג, די הייזער, די געצעלטן,
און שטורעמס האָבן אָפּגעריסן דעכער.
אַדורך די יאָרן געוואַקסן איז אַ וועלטל,
וואָס האָט צעשפרייט זיך און צעברייטערט און צעפעכערט.

ס׳האָבן צוואַנציק מאָל דיביימער אין מאַראַנצן־סאָד געבליט,
פאַרשפּרייט אין פרילינג־נעכט די זיסע דופטן.
אַ צוואַנציק מאָל איז אויף די צווײַגן אויפגעגאַנגען צוויט,
פון טיפעניש, מיט זאַפט פון בוים אַרויסגערופן.

די טערקלטויבן האָבן זיך די ביימער אָנגעטרויט,
און אָפּגעגעבן זיי די אייעלעך, און נעסטן
וואָראַבייען האָבן אין די צווײַגן זיך געבויט,
און יונגע פייגעלעך — געטאָן זיך צו דעם פלי פאַרמעסטן.

די געלטן זענען ווייניקער שוין דאַ,
און אַנשטאָט זיי, — מויערן דאָ וואַקסן.
עם גייט שוין אום דער ערשטער דור,
מיט אויסגעהאָרעוועטע, מידע אַקסלען.

אַ גרויסן עסצימער האָט מען דאָ אויסגעבויט,
מיט מאַרמאָר־טרעפּ און מיט וואַזאָנען;
נאָר אָפּט האָט מען געזען אויף קעפּ דעם גרוי,
וואָס האָט אויף שוואַרצקייט קוים געטאָן דערמאָנען.

אויך דער בית־עולם דערלאַנגט האָט זיך אַ שאָט
אַרויפּצו הויך, ביים באַסיין פון וואַסער,
און קברים אויפגעוואַקסן זענען ביים ברעג סאַד —
מיט פּראָסטע, שטיינערנע מצבות, בלאַסע.

דאָ ליגן די אַרויסגעריסענע פון אונדזער ריי
אין מיטן גאַנג, ווי ביימער אויסגעשניטן.
נאָך יאָרן מידקייט, רוען איצטער זיי,
און איבער שטיין — אַ בוים מיט רויטע בליטן...

פאַריאָגט איז יעדער איינער אין זיין קרייז,
אין ענגן קרייז פון אַרבעט, ווייב און קינדער.
דאָס לעבן גייט — אַ מייל זיין יעדער שפּרייז,
און רוקט זיך, רוקט זיך אין פאָרויס געשווינדער.

אויך יאָשע־בער, מיט אַלעמען ער גייט,
ווי פריִער, זיכער פירט דעם אַקער, גרייט צו שטחים;
נאָר איינגעשרומפּן איז אין אים די פרייד,
ווי אין אים וואָלט זיך עפּעס וואָס צעבראָכן.

חברים זיינע — טאַטעס איצט פון גרויסע זין,
פון ליכטיקע און שיינע טעכטער;
און ער האָט זיינע יונגע יאָר צעשטויבט אין ווינט
און אָפּגעשענקט פאַר אַלעמען די נעכט דאָ.

פאַרזאַמלונגען און שמירה אויפן פעלד,
מיט ביקס אויף אַקסל דורך די נעכט פאַרוואָגלט,
אַדורכגעפרעסן פון די בייזע קעלטן,
אַדורכגעשלאָגן פון די שאַרפע האָגלען.

און אָפט קוקט ער אין צימערל זיך אום,
ווײַל ס׳דוכט אים, אַז די ווענט די הילצערנע, זיי וויינען:
איז דען זײַן לעבן ניט אַוועק אַ ביסל קרום,
ווען דאָרטן האָט מען אומגעבראַכט זײַן פאָלק —
קינדער, פרויען, זקנים?

פון טויטע קומט ניט אָן קיין גרוס,
קיין בריוול ניט, קיין פרײַנד, קיין גואל;
ער פילט נאָך איצט זײַן מאַמעס קוש,
וואָס זי האָט אים געגעבן פאַר זײַן אָפּפאָרן קיין ארץ־ישׂראל.

און איצט — ווו איז די מאַמע, אַווו איז?
און ברידערלעך, און שוועסטערלעך?... אַזאַ מין ווײסטער גזר! —
דערקוילעטע מיט מעסערם און דערשטאָכענע מיט שפּיז,
דערשאָסענע אויף פעלדער פון פאָנאַר...

און דאָ? אַ לעבן גייט, גייט־אויף אויף אייגן ערד,
דאָך אויך באַוואַכט דורך ענגלישע באַגנעטן.
ביי ברעגן אונדזערע עס פאָכעט זייער שווערד:
קיין פוס קיין ייִדישער עס זאָל זיי ניט באַטרעטן.

עס שטייען שיפן אין די פּאָרטן און מען וואַרט,
זיי האָבן זיך ביז דאַנען דורכגעריסן;
נאָר אויך אָט דאָ ביים שוועל, וואַרט אויף זיי דער גזר —
עס פירן אָפּ זיי בריטן קיין קפריסין.

אַז יאָשע־בער זײַן חשבון מאַכט דורך נעכט,
און מאַכט דעם חשבון פון זײַן פאָלק ישראל —
דאַן זעט ער נאָר אַ בלוטיקן געפעכט,
עס טרעטן זײַנע טריט אויף הייסע קוילן.

ווײַל אומעטום אויף גאָר דער גאַנצער וועלט
איז אונדזער וועג מיט בלוט פאַרשריבן.
מלחמה שוין ניטאָ און היטלער איז אַוועק,
נאָר גיפט און גאַל — געגנוג איז נאָך געבליבן.

בלײַבט זיצן יאָשע־בער אַזוי בײַם טיש,
און ווי אַ סאָווע, גליווערט אין דער טונקל.
נאָר פּלוצלונג, ווי אַ פריידיק־נאָנטער גרוס,
דערהערט ער טראַקטאָר־רויש, דערזעט ער פייער־פונקען.

אַ קלעטערן פון רעדער שווערע אויף קייטן־שטאָל,
די קייטן קריכן אויפן זאַמד, ווי שלאַנגען.
און מיט אַ מאָל — עס פּילט אים אָן אַ שטאָלץ,
וואָס ער האָט, ווי אַ שיף, זיך דאָ פאַראַנקערט —

אויף אָט דער ערד, דער וואַרעמער, אויף אָט דער ערד,
וואָס אויפגעגאַנגען איז מיט בוים, מיט ברויט, מיט שטיבער;
כאָטש ס'הערט אויך דאָ ניט אויף צו פאָכענען די שווערד,
עס וואַרפט דאָס לאַנד זיך ווי אין פיבער.

דאָך וואַקסן קינדער דאָ, עס וואַקסט אַ יוגנט,
אַ שטאָלצער יונגער דור מיט מוט און ווילן,
וואָס האָט מיט דעם, וואָס איז פאַראַן, זיך ניט באַנוגנט,
און ווייס צו וואָס ער גייט, און קאָן די צילן.

ס׳גייט-אויף אַ דור, וואָס וויל ניט טראָגן פרעמדן יאָך,
און לאָזט זיך אין געראַנגל מוטיק...
און יאָשע-בער, אַדורכן אהל-לאָך
דערזעט ווי ס׳ליגט דאָס לאַנד צעבלוטיקט — — —

מען האָט צעשטערט יגור, רוחמה און דורות,*
מען האָט די מענטשן דאָרט באַליידיקט און צעשלאָגן.
דאָך הילכט דאָרט ווידער פריידיק אונדזער טראָט,
און טראַקטאָרס אויף די פעלדער שנײַדן בייטן פון פאַרטאָג־אָן.

די פּאָמפּע יאָגט צוריק אַרויס פון דר׳ערד דעם קוואַל,
וואָס אים האָבן די בייזע הענט פאַרשאָטן.
דאָס לעבן שפּאַרט שוין ווידער מיט געשאַל —
קיין כוח וועט ניט זײַן אים צו פאַרבאָטן.

ווי וואַסער קוואַליקע, וואָס רײַסט זיך פון דער טיף,
עס שפּאַרן אין אונדז כוחות און פאַרכלינען.
אין אונדזער פּאָרט וועט לאַנדן ניט איין שיף,
און אונדזער מי — די מי פון בינען!

ניין, ניט פאַר פרעמדע זײַן וועט אונדזער מי,
נאָר פאַרן פאָלק, וואָס ליגט נאָך דאָרט אין אימה.
און זאָגן וועלן מיר צו יעדן ייִד:
מיר האָבן דאָך פאַר דיר געבויט אַ היים דאָ!

עס טאָגט שוין אויפן בערגל. פרימאָרגן-גרוי
ווישט דעם הימל, טוט די שטערן לעשן.
נאָר יאָשע-בער האָט זיך פאַרקלערט אַזוי,
נאָר יאָשע-בער האָט זיך כמעט פאַרגעסן:

---

* נעמען פון קיבוצים, וואָס די ענגלענדער האָבן פּאַגראָמירט, אונטערן אויסרייד פון זוכן געווער, אין די יאָרן 1946—1947.

אַז ס׳וואַרט אויף אים דער טראַקטאָר אין גאַראַזש,
און אַז אין פעלד עס וואַרטן אויף אים ווינטן.
עס וועקט דאָס בערגל זיך, עס וועקט זיך מיט קוראַזש,
און אין קינדערהויז עס וויינט אַ קינד דאָרט.

און יאָשע־בער, ער רײַבט די אויגן מיד,
דאָך איז ער גרייט פאַר נײַע יאָכן;
ער ציט אויף זיך די חולצה און ער ציט,
אין האַרצן שטאַרקט זיך דער בטחון:

אַזאַ איז אונדזער גאַנג, אַזוי וועט זײַן
דער וועג געמישט מיט צער, מיט פריידן — — —
דער מיזרח רויטלט זיך, פאַרגאָסן, ווי מיט ווײַן,
און יאָשע־בער — ער שלעפּט אויף זיך די קליידער.

ו

ברייטע שטחים פעלד — פאַראַקערט,
ברייטע שטחים פעלד — פאַרזייט.
ווער בײַם האָריזאָנט דאָרט פלאַקערט?
ווער קושט דאָרט די ערד מיט פרייד?
ווער?
— יאָשע־בער!

נאָך ניט אָפּגעקילט דער טראַקטאָר,
קייטן־קלימפּער אין געהילך.
אָנגעזודיקט דער ראַדיאַטאָר,
הייסע פּאַרע שוימט, ווי מילך.

ווער שפּאַנט דאָרטן איבער בייטן,
איבער שוואַרצע גרודעם ערד?
קערנער־גאָלד ליגן צעשפּרייטע,
ווער האָט זיי געבראַכט אַהער?
ווער?
— יאָשע־בער!

קילט דער טראַקטאָר זיך אין אָוונט,
פּאַלט אַ טוי אויף זײַן מעטאַל.
ערגעץ פון אַ בוים אַ סאָווע
לאָזט אַראָפּ זיך, גיט אַ פאַל.

גיט אַ וואָרף זיך, ווערט צעשאָטן,
גיט אַ פלאַטער און — ניטאָ...
ווער ליגט אײַנגעשפּריצט אין בלאָטע?
ווער ליגט אויסגעשפּרייט אָט דאָ?
ווער?
— יאָשע־בער!

נידערט אָוונט, טיף און טיפער,
דעקט ער אײַן דעם פֿליין באַזאַכט.
שטייט דער טראַקטאָר, ווי אַ שיפֿל
אַ פֿאַראַנקערטע אין נאַכט.

און לעם טראַקטאָרישן בריקל —
אײַנגעשמירט אין שטויב, מאַזוט,
ווער ליגט דאָרטן אײַנגעוויקלט
און ער רוט?
ווער?
— יאָשע־בער!

ז

זיצט יאָשע־בער אויפֿן פֿעלד און ער עסט,
קומט אָן אַ פֿויגל פֿון אַ ווײַט־פֿרעמדער נעסט
און זאָגט אים אַזוי:
יאָשע־בער! יאָשע־בער! דו ווערסט דאָך שוין גרוי,
דאָך האָסטו קיין היים פֿאַר זיך ניט געבויט.

מיט אַלעמען האָסטו דײַן אַקער געפּירט,
מיט אַלעמען גלײַך דאָס בערגל באַצירט —
איצט איז ער מיט הײַזער און ביימער פֿאַרגרייט,
מיט קינדער אויף אים, ווי בלומען צעשפּרייט,
וואָס שטיפֿן אין זון און שטיפֿן אין ווינט,
נאָר ווו איז דײַן קינד?

אין אָוונט, ווען ס׳ווערט די מי אָפּגעשטעלט,
עס קערן זיך חברה צוריק פֿונעם פֿעלד —
וואַרט יעדערן אָפּ אַ קינד בײַ זײַן שוועל.
און דו, ווען דו קומסט אַהיים פֿון דער מי,
ווער וואַרט אויף דיר?

אַ צימער, אַ בעטל, אַן איינפֿאַכער טיש,
פֿון וואַנט שמייכלט ביאַליק אַראָפּ דיר אַ גרוס,
און מערער שוין ניט.
פֿון עסצימער טראָגט זיך אַהער דאָס געברום,
דו דרייסט זיך אַזוי ווי אַ פֿרעמדער אַרום.

דו דרייסט זיך אַרײַן און דו דרייסט זיך אַרויס.
עס האָט יעדער חבר אַ פֿרוי אין זײַן הויז,
ס׳האָט יעדער זײַן היים.
עס שפּאַרט זיך געלעכטער אַדורך דינע ווענט,
צום קינדערהויז טראָגט מען אַ קינד אויף די הענט —
צײַט שלאָפֿן צו גיין.

זיי רײַטן די שטיפערלעך, ווערן ניט מיד,
אויף טאַטישע פלייצעם — פון זון אָפּגעבריט.
זיי יאָגן אים אונטער: גיך־גיך און גיך־גיך!
זיי ציפּן די האָר אים, אָדער גלעטן זײַן פליך...
און ווער, יאָשע־בער, רײַט אויף דיר?

יאָ, ווער, יאָשע־בער? נו, זאָג דו אַליין,
דו האָסט דאָך מיט חברה פאַרגרייט דאָ אַ היים,
צוזאַמען מיט אַלע געפלאַנצט און באַגראָזט,
פאַר זיך — האָסטו גאָרנישט ניט איבערגעלאָזט.
דער הימל, ווי שטענדיק, איז לויטער און בלוי,
און דו ביסט שוין גרוי, ביסט שוין גרוי.

דו גיב, יאָשע־בער, זיך גוט אַ דערמאָן:
די ערד האָט געמאָנט, דאָס פאָלק האָט געמאָנט,
און דו האָסט געטאָן, וואָס געמוזט האָסטו טאָן —
געברודערט מיט טראַקטאָר, מיט פעלד און מיט ווינט,
מיט פעלד און מיט ווינט... אָן ווײַב און אָן קינד.

אַריבער איז איצטער דײַן צײַט — פאַרביי,
אַ דור וואַקסט שוין אונטער, אַ פרישער פון ס'נײַ,
מיט טשופּרינעס שוואַרצע, מיט מוטיקן גאַנג —
פייגעלעך נײַע, מיט נײַעם געזאַנג,
הירשעלעך יונגינקע, פלינקע די טריט —
און מוטיק דאָס ליד — — —

ח

געווען איז אַזוי:
יאַשע־בער האָט געענדיקט צום עסן זײַן ברויט,
האָט פויגל דערלאַנגט אַ פּאַך און אַ פלי,
צו הייך, צו דעם בלויען דערלאַנגט זיך אַ ציִ.
געבליבן איז זיצן אַליין יאַשע־בער
אויף דער נאַקעטער ערד —
און האָט זיך פאַרקלערט.

ער האָט זיך פאַרקלערט און ער האָט זיך פאַרטראַכט:
ווער האָט אַזאַ גרוס אים אַצינדער געבראַכט?
דער פויגל? דער אָוונט? די טונקעלע נאַכט,
וואָס שפּרייט זיך אויף פעלד און אויף בוים און אויף פליין?
און אפשר האָט ער צו זיך עס אַליין
גערעדט אָט די רייד, די פײַנלעכע רייד,
וואָס האָבן, ווײַזט אויס, אים דורך יאָרן באַגלייט?

פינצטער אין פעלד ווערט, די וואָלקנס אין הויך,
צעשווימען, צערינען אַזוי ווי אַ רויך,
וואָס קרײַזלט זיך, קרײַזלט, און ווערט ניט אין רוים.
און איצטער, ווער עפנט פאַר אים אָט דעם תהום,
וואָס פילט אָן די גלידער, די מידע מיט שרעק —
פאַר יאָרן, פאַר יונגע, וואָס זענען אַוועק?

זיצט ער אַזוי, יאַשע־בער, אויף דער ערד,
זיצט יאַשע־בער אין זיך טיף פאַרקלערט — — —
דער אָוונט פאַלט־צו — פינצטער און שוואַרץ,
און פינצטער און שוואַרץ איז אויך אים אויפן האַרץ,
ווען ער האָט פאַרקוקט אין זיך אַרײַן
נאָר פלוצלונג — פון בערגל פאַרגיסט אים אַ שײַן:

עלעקטרישע שײַן און עלעקטרישע ליכט,
פון בערגל אַהער אויפן פעלד עס פאַרקריכט.
פאַרגיסט אויך מיט שײַן אים דאָס פּנים, זײַן באָרד,
און ס׳וועדט מיט אַ מאָל אים אַלץ ליכטיק און קלאָר
אין אָט אַ דער טונקעלער, פינצטערער נאַכט,
אויף וועלכער ער שטייט דאָ אַצינד אויף דער וואַך...

איצט טראָגט זיך פון קיבוץ געלעכטער און פרייד.
ער הייבט זיך, יאָשע־בער, פון דער ערד אויף און גייט.
ער גייט, יאָשע־בער, פאַרטיפט אין זיך שטיל.
דאָס נאַכטווינטל גלעט זײַן פּנים און קילט.
אַ רויִקייט קומט אָן אויף אים און פאַרפלייצט,
און טיפער פאַרגייט ער אין פעלד הויכן ווייץ.
נעמען אים זאַנגען, ווי ברידער, אַרום
און גלעטן אים שטום.

די זאַנגען דערגרייכן אים באַלד ביזן קאָפּ,
גייט ער אין זיי — אַ לעבעדיקער סנאָפּ,
גייט ער אין זיי, און אין ליכטיקן גאַנג
דוכט אים: ער איז פון דעם פעלד דאָ אַ זאַנג,
אָט דאָ אויף דער שוואַרצער און וואַרעמער ערד...
געבליבן די נאַכט איז אין פעלד יאָשע־בער — — —

1947—1946

פונעם בוך **אַ ליד נאָך אייך**

(1945—1944)

אַ ליד נאָך אײַך, זאָל בלײַבן כאָטש אַ ליד,
חײַל ניט געבליבן איז נאָך אײַך אַפילו קברים.
די נעמען אײַערע, זײ חיינען איצט אין מײַן געמיט :
מלכיאל, אַהרן־יונה, חיה־שׂרה.

אין מײַן חרובער שטאָט

א

אָרום מיר — פֿאַרמאַכטע, פֿאַרהאַמערטע טירן,
װעל איך נעמען אַלײן פֿאַר אַ האַנט זיך און פֿירן,
און גײן שטיל אַזױ, און װעל גײן ביז איך װעל
אָנקומען צו אַ פֿאַרשׂרפֿעטער שװעל.

אין טיר דאָרט באַגעגענען װעל איך אַ זקינה
מיט ליכטיקע אױגן, די הענט אירע רײנע.
אין מיר װעט אַ שרײַ טאָן: דאָס איז דאָך מסתמא
דײַן מאַמע, דײַן מאַמע, דײַן מאַמע!

אַזױ, שװער באַגאַסן מיט אַנגסטן, מיט שװײסן,
פֿאַרגעסן װעל איך, װי די גאַס האָט געהײסן.
איך װעל אױך פֿאַרגעסן דעם נאָמען פֿון שטאָט
אַ װוּ ס׳האָט געטראָטן אַ מאָל דאָרט מײַן טראָט.

ב

גײ איך אַזױ, און די שטאָט איז פֿאַרחרובט,
כ׳באַגעגן ניט קײנעם, קײן פֿרײַנד ניט, קײן קרובֿ;
די שטאָט איז פֿאַרשׂרפֿעט, די הײזער — צעשטױבטע
און הױך, אין דער הײך קרײַזן אום װײַסע טױבן.

און הױך אינעם קרײַז פֿון די טױבן, די װײַסע,
דרײט זיך אַ ראָב דאָרט אַרום, װי אין אַ מעשׂה.
שװאַרץ איז די ראָב, און װי מעסערס די פֿליגל,
װאָס דרײען זיך רונד אינעם אײגענעם עיגול.

פאַרהייב איך דעם קאָפּ אין דער הייך, און אַלץ העכער
זע איך דעם מאָך פון פאַרבליבענע דעכער,
עס גיט אין די אויגן אַ שײַן און אַ שווינדל
אַן איינציק פאַרבלוטיקטער, מאַכיקער שינדל.

ג

חרוב די שטאָט, און די וועגן — פאַרוויסטע,
אַ קאַץ נאָר, אַ שוואַרצע, באַגעגנט, באַגריסט מיך
און גיט מיר אַ וויאָקע אַרײַן אין מײַן אויער,
און יאָמערט אַזוי שווין פאַרצערט און פאַרטרויערט.

גיסט זיך איר יאָמער אַריבער די גאַסן,
גיסט זיך און קײַקלט אַ טונקעלע מאַסע
און פלייצט און פאַרפלייצט, ווי אַ פלאַמיקע לאַווע,
און פלאַקערט ווי שריפט פון די אותיות „י ה ו ה".

און וויקלט מיך אײַן אין אַ פלאַמיקן פאַרמעט...
איך לויף איבער גאַסן מיט אומגליק געאָרעמט,
אַליין כ'בין דאָס ליכט און אַליין כ'בין דער לײַכטער,
וואָס די חרובע שטאָט אין איר אומגליק באַלײַכט ער.

דו ביסט אַוועק

דו ביסט אַוועק,
ווי אַ ווינט אין פרײַען פעלד —
און מיך געלאָזט אין שרעק
אין מדבר פון דער וועלט.
וואָס זאָל איך טאָן אָן דיר,
וואָס קען איך טאָן?
עס קלאָגט דער צער אין מיר
און מאָנט.

לעם פענצטער מײַנעם וויינט דער קליאָן
און טרייסלט מיט די שווערע צווײַגן.
אַרום איז רעש,
נאָר אין מיר טוט דער אומגליק שווײַגן.
עס רוישט די גאַס
און טומל האַלט אין שטײַגן.

איך מאַך מײַן פענצטער צו
און קייטל אײַן די לאָדן, —
נאָר אין מיר איז די רו
מיט אומרו אָנגעלאָדן.

איך ליג פאַרשטײַפט פון צער,
מיט ציין אויף ליפּ פאַרביסן,
עס נאָיעט די געפאַר
אָט, אָט, און כ׳וועל צעריסן,
פון אײַנהאַלטן די שרעק
וואָס אין מיר איז געלעגן.
דו ביסט פון מיר אַוועק —
אַ ווינט אויף פרײַע וועגן.

טאַטע

ווייל איך יאָרצײַט שטעלן נאָך דיר, טאַטע,
ווײס איך ניט קיין טאָג, קיין דאַטע.
ווייל איך נאָך דיר זיצן „שבעה",
זאָגט מען, אַז די טרויער־טעג זײַנען שוין אַריבער.
ווייל איך אויף דײַן קבר וויינען,
ווײס איך ניט וווּ ס'ליגן דײַנע ביינער:
נ'וועלכן פעלד? אויף באַרג? אין טיפע טאָלן?
אפשר גאָר פאַרברענט, צעמאָלן —
דאָס אַש דײַנס פליט אַרום אין שטויבן?

ס'וויינט דער אָוונט איצט אַרײַן אין מײַנע שויבן,
אויפן גורל, וואָס האָט דיך ניט געטאָן פאַרמײַדן...
שקיעה האָט איר רויטן קאָפּ פאַרשלײַדערט
הינטער פלאַמענדיקע האָריזאָנטן.
איך שטיי בײַ שויב איצטער צעשויבערט און אַ בלאָנדער,
קוק אַרויס אין אָוונטיקן דרויסן —
לײַכט אין הימל שוין דער צפון־בער דער גרויסער.
זאָג, דו בער, וווּ איז מײַן טאַטנס קבר, אפשר ווייסטו?
וווּ האָט מען, וווּ, זײַן קדוש־גוף באַהאַלטן?

נאַכט איז שטיל, די שטערן קוקן קאַלטע.
עכאָ ענטפערט: „קדוש־גוף באַהאַלטן" — — —

ווייל איך אויף דײַן קבר וויינען,
ווײס איך ניט וווּ ס'ליגן דײַנע ביינער.

מאַמע

מאַמע, ביסט ניטאָ שוין, מאַמע!
מאַמע, ביסט ניטאָ שוין מער.
ווער וועט זאָגן: ווילע גראַמען,
ווער וועט אָפּווישן מײַן טרער?

ווער וועט לייענען דאָס בריוול,
וואָס כ׳האָב אַרויסגעשיקט צו דיר,
איבער ים אויף גרויסע שיפן,
שוין צוריק מיט יאָרן פיר?

איז עס דאָן צו דיר דערגאַנגען
אָנגעטראָפן צו דײַן שוועל?
יאָרן לאַנגע, יאָרן באַנגע —
סווייעט טויט פון אײַך, און קעלט.

ווו דײַן קבר, ווו איז, מאַמע?
גוטע מאַמע, ווײַסע טויב.
גוף פאַרברענט מיט נאָך צוזאַמען,
אַש צעשטויבט, צעשטויבט, צעשטויבט.

ברענג מיר, ווינט, כאָטש דו צו טראָגן
שטויבל אַש פון מאַמעס גוף,
קומסט דאָך פון עק וועלט, פון וואָגל —
זוך איר אַש, איר אַש זוך אויף!

דאָס געבליבן איז אין גאַנצן
פון מײַן מאַמען, ווי איז מיר.
כ׳זע נאָך אירע אויגן גלאַנצן,
כ׳פיל, מיר דוכט, נאָך איר באַריר.

כ׳וויל זי זען, כ׳פאַרמאַך די אויגן,
ווי אַ ייִד ביַים לייענען „שמע״.
זי גיט אַ פלאַטער ווי אַ פויגל:
מאַמע — שריַי איך — מאַמע, מאַ!...

מאַמע — שריַי איך — בליַיב אַ וויַילע,
בליַיב אַן אויגנבליק אַצינד;
לויף ניט, שטיי! ווּ טוסטו איַילן?
ס׳בענקט נאָך דיר דיַין עלנט קינד.

כ׳בענק נאָך דיר און שעלט דעם שונא,
קריץ מיט ציין פון ווילדן ווּט, —
וויינען קען איך שוין ניט, וויינען
וויינט אַרוים פון מיר דיַין בלוט.

וויינט אַרוים פון מיר און כליפּעט,
אויפן טיש, מיַין קאָפּ כ׳פאַרבויג...
איבער מיר, דער דאַך פון שטיבל,
איבער דאַך — אַ שטערן־אויג.

אפשר קוקסטו פון דעם שטערן
אויך אַרונטער דאָ צו מיר?
אויפגעפראַלט מיַין שויב זאָל ווערן,
אָפן בליַיבן זאָל מיַין טיר:

אפשר וועט דער ווינט פאַרטראָגן
אַש אַ ביסל פון דיַין גוף?
קומסט דאָך, ווינט, פון וויַיטן וואָגל,
הער אין נאַכט מיַין שטילן רוף.

די סעודה

...עפן איך מײַן טיר איצט ברייט:
הײַנט בײַ מיר אַ סעודה!
קומט געאָרעמט מיטן טויט
אַרײַן צו מיר מײַן ברודער.

כ׳וויל אים זעצן אויבן אָן,
אויבן אָן, אין סאַמע:
זאָגט ער מיר אָן קלאַנג אין טאָן:
דאָרטן זיצט די מאַמע...

רײַב איך זיך די אויגן אויס,
בייג זיך פאַר מײַן מאַמען:
ניט זוכה כ׳בין זען, ווי זעסט אויס,
געלײַטערטע דורך פלאַמען.

פיר איך אויף אַ צווייט אָרט אים,
זאָגט ער: ס׳זיצט שוין דאָ דער פעטער,
וואָס געהרגעט האָט מען אים
נאָך מיר אַ יאָר שפּעטער.

און אָט דאָרט אַנטקעגן, זעסט,
זיצט דאָרט יאַנקל ספר, —
שוין פינף יאָר, ווי ער איז מת,
דאָך קיין רו אין קבר.

ווײס איך, אַלע זענען דאָ, —
ס׳ברענען ליכט און שײַנען,
עפן איך די פלעשער אויף
גיס אין בעכערס ווײַנען.

גים איך אַן די בעכערס ווײַן
ביז די ברעגן פולע
און פֿאַרבײַג זיך זייער פּײַן
פֿאַר די לערע שטולן:

זײַט מיר מוחל, מײַנע פֿרײַנד,
אומזעבאַרע שאָטנס,
ס׳איז בײַ מיר דער יום־טוב הײַנט
ניט אַזוי געראָטן.

שטיל אין צימער. קיינער דאָ,
כ׳הייב מײַן כוס אַלײן העכער.
טראָפּ נאָך טראָפּ עס טריפֿט פֿון דנאָ —
בלוט טריפֿט פֿון מײַן בעכער.

ציטערט כוס בײַ מיר אין האַנט,
לעשט זיך ליכט אין לײַכטער;
שאָטנס טאַנצן אויף מײַן וואַנט,
קרומע שאָטנס, גלײַכע — — —

אַלץ צערונען. גאָרנישטאָ.
כ׳וויש מײַן פֿײַכטן שטערן.
דורך אַ פּיצל הימל בלאָ
קוקט אַ ווײַסער שטערן.

אינהאַלט

קיבוצישע פּייזאַזשן

באַגינען 9
אַ דאַנק 10
די זון פאַלט העל 11
מײַן בוים 12
קינדער 13
דאָס פּאָרל 14
פון פּאַשע 15
טײַערע זייער 16
מיר אַקערן בײַ נאַכט 17
אין אַ שנת בצורת 18
ניט ווײַן 19
פּאַרווישטע שפּורן 20
אין פעלד 21
גלאַדיאָלן 22
געלײַטערט 23
כ'וועל אָנטאָן הײַנט די גראָבע שיך 24
אַ פרעמדער פויגל 25
מײַן הויז 26
רו... 27
אויפן שוועל פון פופציק 28
גייט אַ ותיק פון דער אַרבעט 29
שוין לאַנג ניטאָ 30
טיף אין יאָרן 31
פסח 32
מײַן שכן 34
שאַרפער ציטער 35
ווי קומט צו דיר אַ טאַנק ? 36

אין קלעם

חערטערדיקע קראַטן 39
זײַ בליצן מיט ווערטער 40
ליד און ליבּ 41
איך רייד צו זיך 42
איך ליג מיט אָפענע אויגן 43
אויב ניט באַשערט 44
דיכטערה 45
כ׳האָב ניט אַרומגעצאַמט מײַן הויז 46
אַ נײַ ליכט 47
איך בין מיט זיך אַליין 48
ווי די פליג 49
עס טרעפט 50
לערן מיך זען 51
אַ רוף 52
קלאָרקייט פון וואָרט 54
מײַן שװעסטערל 55
גורל 56
אַזאַ מין ליכטיקער פאַרמעסט 57
באַשייד 58
הללויה 59
נאָכן רעגן 60
דער גריל 61
נעכט 62

שפּיטאָל־לידער

א כריזאַנטעמעס 64
ב שרעק 65

פּ אָ עֶ ט ן

לייזער װאָלף 69
אברהם סוצקעװער 72
י. ל. פּרץ 74
אריה שמרי 76
ה. לייוויק 78
שלום אַש 80

אַנאַ פראַנק 81
צי זענען ווערטער ביכולת 82
עלעגיע אויפן טויט פון אַ פּאָעט 83
ס'איז נאָך ניט שפּעט 84

קינות

פאה וואָס ? 87
דײַן פאַרמירמלטער גוף 88
אַ טאַטנס אַ טרער 89
בײַם קבר 90
איך האָב געהאַרט 91
מיט תפילה, מיט געוויין 92
ס'ווערט גרענעץ פאַרווישט 93
ווו איז דער דריטער ? 94
פרילינג 96
אַ גרויער מאַרמאָרשטיין 97
ממשותדיק 98
גלעט מיך נישט, חינט 99
מײַן קינד 100
אַלץ איז דאָ פול 101
איך פאַל מיטן פנים 102
טרעפט, איך פאַרגעס 103
אַ ווײַטע ליכט 105
חי דער קראַנקער בוים 106
דער ראַדיאָ שפּילט שאַפּענען 107
צערפולע אויגן 108
עקדת יצחק 109
שייל אָפּ זיי 110

פאַרנאַכטיקע טענער

פאַרנאַכטיקע טענער 113
ביימער 114
פעברואַר 115
מערץ 117
מאַי 119
סיון 120

סעפּטעמבער 122
האַרבסט אין עפּלסאָד 123
חמסין 124
גרויע פּאַרטאָגן 126
שפּין און פליג 127
שלאָף ניט! 128
אַ שלאַנג 129
נאָכן רעגן 130
מײַן האַרץ איז הײַנט פולער 131

טויבן בײַ דער סען

אין האָטעל 135
די שטאָט 136
מאָנמאַרט 138
סאַקרעקער 140
טויבן בײַ דער סען 141
אַ מאַדאָנע 142
אויפן ים 144

יאָשע בער

א—ח . . . . 176—149

פונעם בוך אַ ליד נאָך אײַך

אין מײַן חרובער שטאָט 179
דו ביסט אַוועק 181
טאַטע 182
מאַמע 183
די סעודה 185

ביכער פון אברהם לעוו:

באַלאַדן, לידער און פּאָעמעס,
„ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע 1939.

חיים און פעלד, לידער און פּאָעמעס,
„הוצאת הקיבוץ המאוחד", תל־אביב, 1953.

ביימער אין ווינט, לידער און פּאָעמעס,
פאַרלאַג „י. ל. פרץ", תל־אביב, 1960.

„זהורית ברוח", שירים,
מתורגמים בידי חבורת משוררים עבריים,
„הוצאת הקיבוץ המאוחד", תל־אביב, 1965.

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף
פון יידישן שרייבער־פֿאַראיין אין ישראל
און פון יוסף חיניצקי־פֿאָנד
בײַם יידישן פּען־קלוב אין ניו־יאָרק